שטעלט, אַז ס׳איז קיין שום אַנטאַגאַניזם נישט פאַראַן צווישן דיביידע אָרגאַניזאַציעס, בנוגע יידישער קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. און עס איז תיכף באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין די „יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“ וועלן אָנטייל נעמען טוער פון יידישן קולטור־קלוב צוזאַמען מיט די טוער פון „פריינט פון יידיש־לשון“ און פאַרקערט, ביי די אונטערנעמונגען פונם קולטור־קלוב וועט זיך מיטבאַטייליקן דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“.

ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ געמיינזאַמע עקזעקוטיווע אין וועלכן ס׳גייען אַריין פון יידישן קולטור־קלוב: אשר פרוכט, א. טשאַלעק, נ. רובין. און פון „פריינט פון יידיש־לשון“: משה עובד, י. ביעטש און א. נ. שטענצל.

ס׳איז דעריבער צו האָפן, אַז די אַרבעט פון די צוויי קערפערשאַפטן, וועלכע שטייען אין די לעצטע חדשים אַלץ די איינציקע קולטור־אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאַס, וועלן מיט דער פעראייניקונג געווינען שטאַרקערע כוחות בכדי צו קאָנען אָנגיין מיט אַ פאַרברייטערטער יידישער קולטור־אַרבעט.

פאַר „פריינט פון יידיש־לשון“,

**א. נ. שטענצל.**

פאַר יידישן קולטור־קלוב,

**אשר פרוכט.**

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין גרענד־פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.—3 נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 2־טן סעפּטעמבער, וועט אליה פּאַלושאַק האַלטן אַ פאַר־טראָג „פינף יאָר מלחמה און דאָס יידנטום“. עס באַטייליקן זיך משה עובד און י. ביעטש. דער דראַמע־קרייז ביים יידישן קולטור־קלוב וועט אויפפירן דעם סאָוויעטישן איין־אַקטער: „מיר לעבן“.

שבת, דעם 9־טן, אַ סימפּאָזיום: די וועגן און די צילן פון יידישע קולטור־אַרבעט. מיט רעדעס וועלן אויפטרעטן די טוער פון פריינט פון יידיש־לשון און פון יידישן קולטור־קלוב.

שבת, דעם 16־טן, דער טראַדיציאָנעלער ימים־נוראים שבת. מיט פאַרלעזונגען פון אונזערע קלאַסיקער: מענדעלע, פרץ און שלום־עליכם.

שבת, דעם 23־טן, וועט רבי טווערסקי ריידן שבת־תשובה ביי יידן און חזן שמואל ראטה וועט זינגען ימים־נוראים נגונים. מ׳וועט אויך ריידן איבער סינאַגאָגאַלע מוזיק.

שבת, דעם 30־טן, וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער שבת לכבוד סוכות, מיט פאַרלעזונגען פון אונזערע פּאָעטן־קלאַסיקער און שרייבער: ראָזענפעלד, יהואש, פרוג, אש, רייזין א.א.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סט., א.1.



# ימים - נוראים

## תפילה און ליריק ; פיוט און פאעזיע

.1

מיט זייערע איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט זייערע אויסגעהויכטע לעבנס האָבן אונזערע אבות אויפגעבויט דעם פּיעדעסטאַל פאַרן רואה ואינו נראה. מיט זייערע אויפגעהויבענע הענט, פיל מיט ציטער און מיט זייערע ביקנדיקע קעפּ, האָבן זיי די „ברכי־נפשי“־טעפּיכער אויסגעשפּרייט פאַר די „מעולם ועד העולם“ טריט.

אָט דער איינגעהאַלטענער שטילער אָטעם און לעצטער גסיסה־כאַרכל, אָט דער פּלוצלינגער הענט צעשטרעק און פאַל מיטן פּנים צו דער ערד, דאָס איז דאָס דער ריטם פון אונזערע פּזאַלמען פסוקים און תהלים־קאַפּיטלעך.

און ווייל דער גלויבן, וואָס אָטעמט אַרויס פון זיי, וואָס איז אָנגעפילט אין זיי, אין אָט די פסוקים, איז שטאַרקער ווי דער טויט, ווייל זייער „מעמקים“־געשריי איז טיפער פון יעדן מענטשלעכן וויי, האָבן נאָך אונזערע מאַמעס אויסגעבעטן מיט זיי זייערע שטאַרבנדיקע קינדער און דערפילט די גרויסע הילף, באַוויינט מיט זיי, מיט אָט די תהלים־פערזן, זייערע טויטע און געוואָרן געטרייסט.

און ווייל אָט די ריטמען, די תפלות, זיינען דאָס שטאַרקסטע און דער־פילטסטע אונזערס,—דאָס עכטעסטע וואָס נאָר אַ מענטש איז ביכולת משיג צו זיין מיט זיין נויט און מיט זיין טויט! — איז עס געוואָרן דער לעבעדיקער קאָלעקטיוו פון אונזערע יסורים און אויסגייענדיקע הערצער, דאָס אומ־שטערבלעכע פון אונזער פאָלק.

יאָ, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אין די תהומות־טיפענישן פון זיין צער, דער־זעט דער פּראָסטעסטער פון אונז דעם רואה ואינו נראה, ווען ער שעפּטשעט אַזעלכע ריטמען, אַזעלכע פסוקים, זיי זיינען שטאַרקער פון אים, פון זיין וויי, פון זיין טויט — מען דערהערט מיט זיי אַ שעפּטשען פון לעבעדיקע אברים, אַז די אייגענע עצמות היבשות ציטערן אַזש מיט אויף! יאָ, מ׳איז נישט מער קיין אבר המדולדל—מ׳שטייט דעם געוויסן פּנים אל פּנים! מ׳האָט מיט־אחריות פאַרן וועלט־באַשאַף און פאַר יעטווידער טאַט.

קיין „רעליגיאָנס“־פילאָזאָף האָט נאָך נישט קיין שטאַרקערן באַוויז געגעבן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט און נישט איבער די נויטיקייט פון אים, ווי איין קאַפּיטל תהלים געזאָגט פון אַ צעווייטאָקט האַרץ. און טאַקע דערפאַר, איז דאָס תהלים׳ל, דער פּזאַלטער, געוואָרן דאָס טאָג־און נאַכט־געבעט פון דער

שול און להבדיל פון דער קירך—דער „אשרי יושבי ביתך״ פון אַלע פרומע ליפּן.

2.

טיף־דערפילטע ליריק, סיי אויף וואָס פאַר אַ טעמע זי זאָל נישט זיין, איז עס דער „מעמקים״ פון מענטשלעכער טיפעניש און זיך דערגריבלעניש־! לייגט דער פאַרליבטער נישט אַנידער, צו פוסנס פון זיין געליבטער, זיין האַרץ ווי אַ פיסנבענקעלע ? און ליינענדיק זיין טיף־דערפילטע ליד, ווערט דען דאָס האַרץ פונם לייענער נישט גלויביק און לויטער ? מיט „רואה ואינו נראה״־בילדער פונם עכטן שעפערישן און פאַרליבטן דערזעען מיר אונזערע וויזיע־בענקענישן און אין זיין ריטם קלאַפּט אונזער האַרץ און ווערט אָפּגעראַטעוועט און געשטילט.

וויפיל לידער זיינען געשריבן געוואָרן שטייענדיק שוין אויף דער שוועל פון אַ מאָרד, אָדער אַליין זיך אַ מעשה אָנצוטאָן ? דאָס פינגער־אויפצוקן פון די געשריבענע פערזן איז דאָס דער ריטם וואָס הילט איין דאָס האַרץ ווי אַ בעטנדיקע תפילה היילט דאָס צעריסענע געמיט און וויקעלט עס איין ווי אַ קינד אין וויקעלעך.

דאָס איבערווינדן די נקמה, אָדער די אומבאַהאָלפנקייט און דער רחמנות שוין צו זיך אַליין, איז ער נישט דער ווייס געוואָרענער רויטער דרים־פּאָדים, וואָס ציט זיך פונם ערשטן קאַפּיטל תהלים, ביז צום עכטן דערפילטן ליד, ביז צום היינטיקן טאָג ? עס איז אַלץ אַ ווייטער בויען און צוריק בויען דעם זיך קרישלענדיקן פיעדעסטאַל פאַר דער גרויסער נישט דערזעענדיקער דערבאַרמונג און אין־סוף דערווייטערטן גענאָד.

יעדע עכטע און גרויסע ליריק איז די תפילת־יחיד, וואָס איז אין פּאָטענץ צו ווערן אַ תפילת־רבים, ווען ס'ווּעלן מיטן זעלבן צער און בענקעניש, מיטן זעלבן פרייד און האָפן אַרומגענומען ווערן אַ ציבור.

אונזערע תהלים־קאַפּיטלעך זיינען יענע תפילה־געוואָרענע שטיקער ליריק פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס שטייט אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג, פון הילפלאָזיקייט, פון אַ פאָלק וואָס שטייט פאַרוקט אין אַ ווינקל מיטן פּנים צו דער וואַנט — — אָבער נישט דער טייוול מאָלט זיך, נישט דער מלאך המות מיט טויזנט אויגן — דאָס פון יסורים־געלייטערטע געוויסן ווערט אומענדלעך און פול מיט דערבאַרעמונג !

זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ פאָלקס גרעסטער עת־צרה, און אויך אין מאָמענטן פון איבערמענטשלעכע און העראָאישע נצחונות. און ווייל זייער שעפערישער מעכטיקייט און פאַרעם שטאַרקייט איז שטאַרקער און מעכטיקער געוואָרן פון דער צרה און גרויסער נויט, זיינען זיי נישט נאָר דער אויסדרוק פון נחמה, נאָר זייער פּאָטענץ איז נחמה. און זיי טראָגן אין זיך היילונג און שטאַרקונג און זיי זיינען געוואָרן דער גלויבן פון אַ פאָלק און פון פעלקער. און די געוואַלטיקייט און די באַוועגלעכקייט פון די ריטמען און די לעבעדיקייט פון די פערזן זיינען דער באַווייז נישט נאָר פון אַ שעפעריש פאָלק נאָר פון אַ באַשעפער גופא : לבי ונפשי ירנינו אל חי״.



.3

די פעסטגעשטעלטע „שמונה־עשרה״־תפלות, וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען, זיינען מסתמא דער פועל יוצא פון אַזאַ מין זיך באַוואוסט ווערן,—פון די מעכטיקייט און דעםווירקנדיקן כוח, וואָס תפילה טראָגט אין זיך ! — זייערע צוזאַמענגעשטעלטע געבעטן האָט אין זיך די הכנעה־איבערגעבנקייט און די כסדרדיקע איבערחזרונג פון גאָט־דינער און „געזונט־בעטער״. און כאָטש זייער עיקור עובדא, זייער זאַכלעך איינגעאָרדנטער סעקראַל איז אַ סך אויסן געווען אָפּצוהאַלטן דעם המון פון געצנדינסט און כשוף־באַשפרעכונגען און פון כלערליי טונקעלע סעקטעס פון וועלכע עס האָט געראַיעט דעמאָלט דער אָריענט—זייער תקנה איז געווען אַ פאָלקס־דינסט, ווי די באַדייטונג פון דעם וואָרט טראָגט אין זיך ! — אָבער שטייענדיק סוף כל סוף אונטערן איינפלוס פון די תהלים־מזמורים, פילט זיך דערפאַר אויך אין זייערע אייגענע פערפאַסטע תפילות דאָס שטילע געבעט פונם בענקנדיקן האַרצן. —

זייערע צוזאַמענגעשטעלטע געבעטן זיינען אַ געפלעכט פון וואויל־באַקאַנטע תהלים־און נביאים־פסוקים, אויפצובויען אַ דערהויבונג פון אונטערטעניקייט און גלויביקע איבערגעבנקייט. די אנשי כנסת הגדולה און אויך די שפּעטערע פערפאַסער פון תפילות ביז צום זמן הגאונים, האָבן בכלל קיין שום פרעטענציע ניט אויף שעפערישקייט. דאָך זאָגט זיך נאָך אַלץ דער „נשמת כל חי״ מיט אַזאַ תחינהדיקע גלויביקייט און נאַאיווע האָפערדיקייט, נישט ווייניקער ווי די אָקאָרשט אָפּגעזאָגטע וואונדערלעך־אָריגינעלע תהלים־קאַפּיטלעך, און דעם העראָאיש געוואַלטיקן „אז־ישיר״־ליד.

דער געפלעכט פון די פליכט־תפילות זיינען שוין נישט מער דער שעפעריש זיך אויפבויענדיקער פיעדעסטאל פאַר רואה ואינו נראה, עס איז שוין דער מאַיעסטעטישער „כסא רם ונשא״, דער אויסגעבעטער קעניגלעכער טראָן פאַרן תפלות־פּלאַסטישן „אל מלך״ — — —

די עפּאָכע פון די פייטנים הענגט אַ סך צוזאַם מיט דער גלאַנץ־צייט פון דער אַראַבישער פּאָעזיע און מיט אונזער אייגענער גאָלדענע צייט פון שפּאַניע — דאָס איז דורכשניטלעכע פּאָעזיע אויף רעליגיעזע און יידיש־געשיכטלעכע טעמעס. זיי, די פייטנים „פאַרדרייען״ נאָך אַ פסוק, אמת, אָבער נישט מער אים ברייט־מגידיש צו דרשנען, נאָר טיפזיניק אים צו גראַמען. די עקזאַקטקייט פון די הלכה־פערפאַסער פון יענע עפּאָכעס, צו קענען אַרויסציען פון אַ גמרא־שקלי וטריא אַ קלאָרן דין, די עקזאַקטקייט ליגט אין זייערע פערזן ווען זיי פערדיכטן די הגדהס פון תלמוד.

אין זייער ריטם קלאַפּט נישט דאָס האַרץ צום טאַקט אַזוי ווי דער „מלרע״ „ומלעיל״ ! זייער קינסטלערישקייט איז קענען—ס'איז נישט מער קיין ריינע ליריק, ס'איז העכסטנס גוט געמאַכטע פּאָעזיע: טענדענציעזע רעליגיעזע לידער, געדאַנקען־דיכטונג.

## .4

כאָטש צווישן די פייטנים זיינען פאַראַנען אַזעלכע גרויסע ווי אלעזר ברבי קליר און רבי יהודה הלוי, וואָס זייער שעפערישקייט און באַדייטונג שטייט אַבסאָלוט נישט נידריגער פון די נישט־יידישע פּאָעטן פון יענע סכאָלאַסטישע עפּאָכעס, אָבער צוריקגעפירט צו אונזער ערשטן מקור האָבן אונז דווקא קלענערע קינסטלער פון זיי, דאָס זיינען די סליחות און פזמונים שרייבער פון די גערמאַניש־ראָמאַנישע לענדער, פון צרפת און אשכנז. יענע בעלי־בכי׳ס פון וואָרעמס און שפּייער זיינען די זיך שמידנדיקע רינגען — ווען ניט גאָלדענע — די אויף אייביק פאַרבונדיקע פון אונזער מאָדערנע ליריק מיט די אַלטע תהלים־קאַפּיטלעך. אָפּגעהאַקט איז זייער קורצער און שווערער אָטעם, אַדורכגעריסן פון זיפצן און יאָמערדיקע אויסגעשרייען — ס׳איז נישט דער מנחת־נפשדיקער תהלים ריטם, אָבער דער כאָרכל פון קדושים הערט זיך ווידער אָן אויפהער אין אים, דער געוויין פון אלמנות און יתומים, דאָס קאַפּן פון כסדר פאַלנדיקע טרערן איז דער ריטם פון זייערע שווערפעליקע ווערטער. זייערע פיוטים זיינען ניט רק אַ שווימען אינם ים התלמוד און מיט אַ קונציקן נורען זיך אַרויפצובריינגען אַ פערל פונם תהום — זיי טובלען זיך און גייען אונטער צוזאַמען מיטן טיפן צער פון דער אומה און פון דער שכינה!

ניט נאָר אין אבן עזרא׳ס אַ חידה, קוקט אַריין אַ ייד ביים געדעקטן טיש און צעקייעט מיט גרויס הנאה יעדעס וואָרט און כאַפּט התפעלות, נאָר אויך אין אלעזר ברבי קלירס אַ פּיוט חוקרט ער זיך ליבער דעמלט אַנשטאָט ביים עמוד — עס איז מער טיש־פּאָעזיע פאַר אַ ייד אַ למדן און בעל דקדוק. ליריק איז אָבער נישט אַ פּתרון פון אַ חידה — אפילו נישט פון דער חידה וואָס הייסט וועלט! — נאָר פונם שווערן חלום פונם מענטש. פון זיין העשנדיקן אויפגעשריי מיט דער האַנט אויפן האַרץ — — — און ווי אַלע אונזערע תפילות זאָלן זיך נישט אָנהויבן און ענדיקן מיט דעם טיף־געדאַנקלעכן און פיין געפאָרעמטן „יגדל“ פון רבי שלמה בן גבירול, די גלאָריפיצירונג און דאָס באַוואוסט ווערן זיך פון גאָט און זיין מעכטיקייט, איז דאָך דער „ונתנה תוקף“ פון רבי אמנון פון מיינץ די טראָנענדיקע געטלעכקייט אויפגעבויט פון צאַפּל פון הערצער פולע מיט האָפערדיקייט און ציטערדיקע גלויביקייט. און נאָך אַ שריט נענטער צו אונזער צייט, צו דער קומענדיקער צייט, אָבער אויך צוויי שריט אויף צוריק, צום אין־סופקן עבר, זיינען די פיוטים פון די בעלי־קבלה, פון די תלמידי הר״י — זייערע פערזן זיינען השבעות, פאָרמולן — זיי קענען משנה זיין די מעשה בראשית!

## 5

אונזער מאָדערנע פּאָעזיע האָט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט געקעמפט פאַר איר קינסטלערישער פאָרעם, און ווען די וויכטיקייט דערפון איז געוואָרן צו דייטלעך, איז ממילא ענטשטאַנען די געפאַר, אַז דאָס אויסגעפאָרעמטע כלי, וואָס טראָגט דעם געטראַנק זאָל ווערן דער הויפּט־עיקר, און דער אינערלעכער השתפכות הנפש דער טפל.

און שוין שפּעטער, אינם גייסטיקן קאַמף ווידער פון פאָרעם און אינהאַלט,



אין דעם חלוק־דעות געראַנגל, האָט אויך נאָך אַלץ מער נישט געקאָנט ענטשטיין ווי פּאָעזיע, מער אָדער ווייניקער אויסהאַלטענדיק דעם משקל. אגב, אין אונזער מאָדערנער פּאָעזיע, אין וועלכער עס פילט זיך די פּרעטענציע אויף שעפערישקייט, נישט ווייניקער ווי יענע ראשי־תיבתדיקע חז״ק־פיוטים, שפּירט זיך אויך, ווי ביי זיי טיילמאָל, דילעטאַנטישקייט און פּלאַגיסטיק.

ליריק אָבער איז דאָס וויגנדיקע האַרץ אויף דער וואָגשאָל! השתפכות הנפש איז התבודדות, זיך קאָנען מיחד זיין מיטן אין סוף — — עס איז נישט מער קיין מיטל צו עפּעס — ס׳איז אַליין די גרעסטע השגה און התגלות! עכטע ליריק איז אין־סופיק, איבער אַלע השגות, שטאַרקער פון אַלע צוגעטראַכטע שיינקייטן! וואו עס איז נאָך פאַראַן דער באַגריף פאָרעם און אינהאַלט ווערט וואָרט פאַרשטיינערטער געץ, קאָן וואָרט נישט ווערן דאָס רואה ואינו נראה־בילד, וואָס שטייט פּנים אל פּנים מיט אייגענעם געוויסן —

אַז דאָס געשאַפענע פון יעצט זאָל נאָך קאָנען זיין אַדעקוואַט מיט אונזערע אומענדלעכע יסורים, וואָס מיט מענטשלעכן שכל קאָן מען זיי שוין נישט משיג זיין, טאָ ווי אַזוי קאָן וואָרט נאָך זיין מיטל צו אַן עפּעס און נישט אַליין שוין דערצילטע דערגרייכונג? און איז אונזער צער נישט יעצט אַזאַ וואָס נעמט אַרום אונזער גאַנץ פאָלק? מוזן מיר נישט אַזעלכע וואונדיקע און בלוטיקע ווערטער פון אונזערע הערצער איצט אויסרייסן, דאָס זיי זאָלן אונז אָפּראַטעווען — אונז מציל זיין שוין פון אונזערע אייגענע אומבאַהאָלפענע הענט?

און האָט נישט געפעלט ביז אין אונזער צייט איצט אין אונזער דיכטונג — זייט די תהלים־קאַפּיטלעך! — דער העלדן־מאָטיוו? מאַרטירערטום אַליין איז נאָר דער פּיעדעסטאַל, — די גרויסע צוואה לדורות העכסטנס! דאָס צוואותדיקע איז ערשט דאָס געוואַלטיקע מאָנומענטאַלע — — —

ווערטער אַזעלכע, אַז אונזערע הערצער זאָלן אויפצאַפּלען מיט גלויבן, ווערטער וואָס טראָגן אין זיך דעם ציטער פון דערלייזונג — די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט!

• • •

אַז מיר זאָלן קאָנען ווייטער לעבן וואָסער וואונדערלעכס, אומגלויבלעך־אוממעגלעכס מוז דאָס געשאַפן ווערן — דער גאַנצער סדר־העולם מוז קאָנען געענדערט ווערן מיטן כוח פון די ווערטער — — — אַ, דער קאָלעקטיוו פון אונזערע יסורים איצט: נישט עשרה הרוגי־מלכות — אין די צענדליקער טויזענטער פאַרטיליקט, אין כלערליי מיתות משונות! און אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון דער וועלט.

דער השתפכות הנפש פון אונזערע נייע שאַפונגען פון אַזוי פיל אומזיסט פאַרגאָסן בלוט, און דער ריטם — אַזויפיל גסיסה־צאַפּל, אויפציטער פון קברים פון לעבעדיק באַגראָבענע! אַז מיר זאָלן נאָך קאָנען לעבן בלייבן, וויפיל היילונג מוזן זיי דאָס האָבן אין זיך — פאַר אַלע מענטשן! שטילע תפילות אַזעלכע אַלע מענטשלעכע ליידן טוליענדיק צו שטילן, אַלע הערצער אַרומצונעמען מיט דערבאַרעמונג און גנאָד.

א. נ. ש.

משה עובד

## א תחינה פאר ווייבער

(די תחינה זאָגט מען מיטן אמתן ניגון און מיט גרויס כוונה)

און ניט אַמאָל, נאָר אין אונזערע מלחמה־טעג,
האָט עס געטראָפן,
ווען דער יאוש פון שר און צער של ישראל
האָט אויסגעלאָשן די לעצטע שטראַל פון האָפן,
דאָס אַ בת־קול פון אַ גלות־מאַמע, פון גלות־קינדער,
איז פון עמק־הבכה אַרויף, אַרויף,
אָנגערירט יעדן שטערן באַזונדער,
און טיף אַריין אין האַרץ פון אין־סוף;

רבש״ע! טוערסט אסור נישט האָבן קיין תרעומות,
אויב דער מענטש האָט תרעומות אויף דיר,
אויב זיין וועלט ווערט אים נימאס
שפּעטער אָדער פריער.

אַ, אב־הרחמים שוכן במרומים! ובתהומים!
געטרייער שומר פון אַלע עלנדע שומרים.
איז עס דען מעגלעך דו זאָלסט
ס׳גאַנצע מענטשלעכע מין נישט פאַרגעבן?
און פון זיי צוריקנעמען
דיין ליבע מתנה: דאָס ליבע לעבן
וואָס דו האָסט מיט אַזויפיל אַכפּערקייט אוןליידנשאַפט
זיי געגעבן?

איז עס דען מעגלעך, דו זאָלסט ניט בלייבן טריי
דיין הייליקן נאָמען:
אל חי!
וואָס איך בין ניט ווערט צו דערמאָנען?

און אויב דו האָסט שוין גוזר געווען,
און ס׳איז שוין געשען,
און איך בין שוין געקומען פאַר דיר צו שפּעט,
מיט מיין אָרעם געבעט,
טאָ איז שוין בעסער זאָלסט אַלע אומות־העולם,
און אַלע לייטען,



פאַרברענען, דערשטיקן, דערטרונקען און טייטן,
איידער מאַכן פון זיי גלות־פּליטים.

מיר? — מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צום אַך־און־ווי,
מיר אידען! מיר האָבן דאָך שוין אַ גלות־לשון
פאַרן ווי געשריי,
אָבער די אומות־העולם, זיי! זיי! . . .

האָט אויף דעם פּנים פון אייבערשטן,
דער זילבערנער מאָרגנשטערן געגלאַנצט,
זיין סליחה־טרער,
און לכבוד דער סליחה־טרער
האָט געטאַנצט
אַ קדוש! קדוש! קדוש־טאַנץ
דער זיבנשטערנדיקער בער.

הרב דוב ווארשאווסקי

## יזכור פאר „די לעבעדיקע״

„קול ברמה נשמע—רחל מבכה על בניה
מאנה להנחם על בניה—כי איננו״

אַ סך קדושים האָבן מיר יידן געבריינגט צו זייער אייביקער רו. פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן מיר מיט אונזערע אייגענע הענט אויפגעשאָטן טויזנטער קברים אין דאָס פאַרשאָלטענע אייראָפּע. נאָך יעדן פּאָגראָם פלעגן יידן באַגראָבן און באַוויינען זייערע קרבנות און פאַרגעסן, ווי מ׳זאָגט: „אַלץ וואָס די ערד דעקט צו ווערט פאַרגעסן״. אין בעסטן פאַל האָט מען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט אַן הזכרה און מ׳האָט יוצא געווען. מענטשן האָבן זיך געטרייסט מיטן בערגל זאַמד מיט דאָס ביסל ערד; דאָס ערדישע האָט אין זיי איינגאַנצן אָפּגעטויט דאָס לעבעדיקע—טויטע קרבנות . . .

אָבער אונזערע היינטיקע קדושים און הרוגים זיינען נישט טויט, זיי זיינען ניט געשטאָרבן. זיי האָט די ערד ניט צוגעדעקט טויטערהייט, אונזערע היינטיקע קדושים פון דער רוצחישער דייטשלאַנד זיינען אַריין לעבעדיקערהייט אין זייערע קברים און זיינען פאַרשוואונדן—„זיי זיינען ניטאָ. טאַטעס און מאַמעס האָבן פאַר זייערע קינדער קברים געגראָבן און אַריין אין זיי לעבעדיקערהייט. מיר האָבן ניט געהערט זייערע גסיסה־קרעכצן. מיר האָבן ניט געזעען זייערע טויטע גופים, זיי לעבן; אונזערע היינטיקע קדושים טאָרן מיט ניט אַריינפירן אין די שולן צו הזכרת נשמות, ווייל מיר האָבן זייערע קברים ניט געפינען . . . אויף לעבעדיקע מאַכט מען ניט קיין הזכרות, און אויף לעבעדיקע קען מען זיך ניט טרייסטן. און ווירקלעך, קען מען זיך טרייסטן, ווען מען הערט אַזעלכע ווערטער פון אַ קינד, וואָס שרייט און וויינט:

„מאַמע זיי נעמען מיר צו!" „ער איז ניטאָ"! רחלס האַרץ קען זיך ניט שטילן, קיין „יזכור" אין די וועלט קען דאָך ניט שטילן און טרייסטן דאָס צובראָכענע און אָנפילנדע האַרץ פון דער מוטער.

און איז נאָך דאָ אין תפילה אין אונזער גאַנצן סידור, וואָס זאָל איבערשטייגן דאָס געבעט פון קינד? אפילו אונזער גאַנצער יום־כפור דאַוונען איז דאָך בלאָס אַנטקעגן דעם צער פון קינד!? און קען מען זיך טאַקע מיט אַ „יזכרל" פון צייט צו צייט זיך טרייסטן אויף טויזנטער יידישע קינדערלעך, וועלכע האָבן פון די פאַרזיגעלטע וואַגאָנען אַרויסגעשריגען „מאַמע, מאַמע" און אַ ווילע שפּעטער זיינען זייערע שטימעלעך פאַרשטומט געוואָרן — זיי זיינען ניט געוואָרן?! און קען מען זיך טאַקע טרייסטן אויף די טויזנטער טאַטעס און מאַמעס, וואָס זיינען ווי שאָף אַריינגעטריבן געוואָרן אין די גאַזקאַמערן און האָבן נעבעך איידער זיי זיינען ניט געוואָרן געקוקט ווי זייערע קינדערלעך ווערן דערשטיקט און פערברענט?!

ניין, אונזערע היינטיקע קדושים זיינען ניט טויט, האָבן ניט אויפגעשאָטן קיין בערגלעך זאַמד איבער זייערע קערפּערס, זיי זיינען ניטאָ. און וויפיל מיר זאָלן ניט וויינען אויף זיי קען אונזער צער ניט פאַרגרינגערט ווערן. אונזער יאָמערליך יזכור־ניגון קען זיך איינהאַלטן צווישן די ווענט פון די „סינאַגאָגן" און „הזכרה־מיטינגס", נאָר ער טראָגט זיך אין דער לופט אונטער די הימלען, ווי דאָס געוויין פון אונזער מוטער רחל איבערן כדור הארץ. וואו זיינען אונזערע טאַטעס און מאַמעס: וואו זיינען אונזערע ברידער און שוועסטער?! וואָס האָבן די מערדער פון דער וועלט געמאַכט מיט די טויזנטער קליינע קינדער? וואו זיינען זייערע קברים?! מיר מאָנען ביי דער וועלט, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע מערדער ווי די דייטשן, דאָס בלוט פון אונזערע קדושים!

איז דאָס ניט דערפאַר די שטראָף אונזערע אַזוי גרויס היינט ווייל מיר האָבן שטענדיק צו שנעל פאַרגעסן אָן אונזערע קדושים און פאַרגיבן די מערדער?.... און פאַרגעבן האָבן מיר די מערדער, ווייל מיר האָבן פאַרגעסן אָן די קדושים.

אונזערע היינטיקע הזכרות אין די ימים־טובים אין די שולן זיינען ניט פון דעם זעלבן כאַראַקטער ווי פריער. ניין, מיר זיינען ניט מזכיר קיין טויטע, מיר זיינען מזכיר לעבעדיקע; מיליאָנען לעבעדיקע טאַטע־מאַמעס און קינדער; עס שוועבן פאַר אונזערע אויגן לעבעדיקע מענטשן ווי זיי האָבן געלעבט, געשאַפן און פערשוואונדן דורך גרוילעכע מיתות משונות! און ווי לעבעדיק עס זיינען פאַר אונזערע אויגן די קדושים, אַזוי לעבעדיק דאַרפן זיין פאַר אונזערע אויגן די מערדער פון אונזער פאָלק!

קיינמאָל, קיינמאָל טאָרן מיר ניט פאַרגעבן דאָס דייטשע רוצחישע פאָלק! און געדענקן וועלן מיר דאָ אָן אונזערע קדושים, ווען מיר וועלן שטענדיק געדענקן די מערדער! דאָס וועט זיין די אייביקע אומצערשטערבאַרע מצבה!



שלמה אויערבאך

## יום־כפור אין דער יידישער יצירה

אין חומש זיינען צוואָרפן עטליכע קורצע פסוקים אין וועלכע ס׳ווערט גערעדט פון יום כפור, און „פייניקן דעם נפש" „ועיניתם את נפשותיכם" (ווי אַזוי מען זאָל פייניקן, ווערט ניט גענוי דערקלערט). עס ווערט גענוי באַשריבן די קרבנות, די צאָל, און דער מאָס פון וויין, און אַנדערע זאַכן וואָס מען איז מקריב אויפן מזבח. די הויפּט־פּרשה אָבער וועלכע פאַרנעמט זיך מיט יום־כפור—אחרי מות—ביז צום סוף כמעט, קאָן מען נישט וויסן אויב די גאַנצע צערעמאָניעס מיט די אָקסן מיט דעם בלוט פאַרשפּריצן און דאָס גורל וואַרפן אויף די צוויי ציגעלאַך, און דעם שעיר לעזאזל, אויב עס מוז זיין געראַדע אום יום כפור... ערשט צום סוף פון דער פּרשה דערמאָנט ער דעם טאָג, וואָס מען דאַרף זיך „רייניקן פאַר גאָט און פייניקן דעם נפש"...

אָבער מערקווירדיק ווערט איינעם צו געמיט ביים לייענען פון אָט דער פּרשה! שוין דער אָנהויב מיטן „אחרי מות שני בני אהרן"... דער טויט פון אהרנס צוויי זין, דערפאַר ווייל זיי האָבן מקריב געווען א ש ז ר ה פרעמדעס פייער... טראָץ אַ סך מדרשים און פירושים פון בעלי התלמוד איבער דעם א ש ז ר ה, בלייבט אונז פרעמד דאָס דאָזיקע פרעמדע פייער. און מען דערמאָנט זיך אין דער פריערדיקער סדרה, ווען נאָך זייער טויט רעדט משה גאַנץ שטרענג, און גאַנץ פון אנדערע ענינים, און אהרן איז געוואָרן פאַרשטומט: ו י ד ו ם א ה ר ן. — דורך דעם דאָזיקן אָנהויב פון דער יום־כפורדיקער פּרשה ווערט זי דערהויבן צו אַ מיסטישער הויכקייט, און מע שפּירט אַז די קרבנות מיט אַלע צערעמאָניעס זיינען עפּעס סימבאָלען פאַר אַ טיפערן זינען.

אויך אין דער גמרא יומא (די מסכתא וואָס באַהאַנדעלט יום כפור) אין דער ערשטער משנה פונם זיבעטן פרק—ווען ס׳ווערט גערעדט פונם סדר ווי דער כהן גדול דאַרף אָט די פּרשה פאַרלייענען, הייסט עס דאָרט, נאָך דעם אַז ער האָט די תורה צוריק אַריינגעלייגט בחיקו (אין פאַזוכע) זאָגט ער: יותר ממה שקראתי לפניכם, כתוב כאן — אַ סך מער אַלץ איך האָב אייך פאַרגעלייענט שטייט דאָ. די גמרא דערקלערט: ער מוז עס זאָגן כדי שלא להוציא לעז על התורה, עס זאָל ניט אַרויס אַ שלעכטער שם אויף דער תורה, אַז נאָר די איינע פּרשה געפינט זיך אין איר. אָבער מיר קאָנען דאָך נאָך פאַרשטיין אַנדערש: „מער ווי איך האָב געלייענט איבער די צערעמאָניעס איז געשריבן אין אָט דער פּרשה צווישן די שורות". און אויך די גאַנצע גמרא יומא, וואָס באַהאַנדעלט גענוי אַלע צערעמאָניעס און תנאים און אמוראים ברייגען אַלע זייער גאַנץ שאַרפזיניקע באַווייזן און גאַנץ הייסע מחלוקתן איבער אָנטון און איבערטון זיך פון די כהנים, מיט דער צערעמאָניע פון בלוט פאַרשפּריצן און פון אַוועקשיקן דעם שעיר לעזאזל. אָט די גאַנצע מסכתא שליסט אָפּ מיט אַ מערקווירדיקער משנה, ווי אַ סוף דבר—הכל נשמע (דער סוף באַווייזט אַלעס) „עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין

יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו" ד. ה. יום כפור—די צערעמאָניעס מיט די קרבנות איז נאָר מכפר אויף די עבירות וואָס מען האָט געטון קעגן גאָט (די אויסערלעכע מצוות און צערעמאָניעס פונם גלויבן), די עבירות אָבער וואָס מען זינדיקט קעגן די מיטמענטשן איז דער יום כפור נישט מכפר עד שירצה את חבירו ביז ער האָט דעם באַקריוודעטן נישט איבערגעבעטן...

מען באַדאַרף נישט זיין קיין גרויסער שאָוויניסט אום שטאָלץ זיין איבער אונזערע געזעצגעבער, ווי אַזוי זיי האָבן נאָך פאַר צוויי טויזענד יאָר פאַרשטאַנען דעם סאָציאַלן עפּאָס, פון אמתער רעליגיע. אויף וויפיל זייערע באַגריפן פון גאָט, פון עבירות און מצוות איז העכער פון להבדיל דער גוישער קריסטלעכער קאַטוילישער קירכע! מיט פילע דורות שפּעטער האָבן דאָך די קירכן פאַטערס געהאַט אַ חוק פון אינדולגענציע, על פי דעם דאָזיקן געזעץ האָט דער גרעסטער רויבער און מערדער, אונטערדריקער פון שוואַכע, שענדער און שינדער פון טויטע און לעבעדיקע באַקומען פאַר אַ גרויסער נדבה צו דער קירכע — אַ סליחה און כפרה פאַר אַלע זיינע בלוטיקע עבירות, פאַר אַ נאָך גרעסערע נדבה האָט ער גאָר געקראָגן אַ מחילה אויף פאַר זיינע שפּעטערדיקע עבירות . . .

דער ענין פון יום כפור אַלץ אַ טאָג פון חשבון, אַ יום הדין, אַ טאָג פון אָפּגעבן חשבון פאַר אַלע מעשים פון אַ גאַנץ יאָר—איז אין פילע מדרשים אויפגעוויזן. אפילו דאָס פאַסטן איז נישט דער עיקר און עס איז נישט אָנגענומען ביי גאָט, ווען עס פעלט צו דעם די עטיש־סאָציאַלע ריינקייט. שוין דאָס וואָס די חכמים האָבן אָנגעטיילט דאָס באַרימטע אַכט און פופציקסטע קאַפּיטל פון ישעיה אַלס הפטורה פאַר יום־כפור באַווייזט עס. ליידער, קאָן איך נאָך ברענגען בלויז עטלעכע פסוקים פון דאָרט (אין דעם געטלעכן לשון פונם גרויסן נביאישן דיכטער אין מיין איבערזעצונג . . .)

קרא בגרון אל תחשך—רוף און ווער נישט מיד: זיי זאָגן, מיר פאַסטן און דו זעסט נישט. הלזה צום אבחרהו ויום רצון לד׳—איז דען דאָס אַ פאַסט טאָג און אַ טאָג פון גאָטס רצון? זיך בויגן און קניען מיין איך דען דאָס? איז דען נישט דאָס אַ פאַסטן. התר חרצובות רשע—עפנען די קייטן אין וועלכע די אונטערדריקער שמידן די שוואַכע, באַפרייען די דערשלאָגענע; איז דען נישט וויכטיקער ווי פאַסטן. פרוס לרעב לחמך—טייל זיך מיט דעם הונגעריקן דיין ברויט, ועניים מרודים תביא בית—אָרעמע היימלאָזע אַריינברענגען צו זיך אין שטוב אַריין. כי תראה ערום וכסיתו—אַ נאַקעטן אָנקלייד. און אַזוי גייט דער נביא ווייטער איי דערקלערן וואָס ביי גאָט איז אַ יום צום ויום רצון... גאָרנישט דאָס וואָס, ליידער, אַ סך פרומע יידן אויך היינט נאָך אַזוי פיל דורות נאָך ישעיה הנביא פאַרשטייען פון יום כפור!

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען די שענסטע דיכטערישע אַנטאָלאָגיע וועלכע מיר פערמאָגן—דעם יום כפורדיקן מחזור. אַ חוץ די שיינע ריינע תפילות, מיט די פינף שמונה עשרות וואָס שטאַמען נאָך פון די תנאים און אמוראים, תפלות וואָס טראָגן זייער דערהויבנקייט פונם פילאָזאָפיש רעליגיעזן געדאַנק זיינען זיי אַזוי פשוט און צאַרט ווי אַן עכטע תחינה פון שרה בת טובים . . .



זיינען געזאַמעלט די שענסטע שירים, פזמונות, סליחות, קרובות, תוכחות, רשויות און אַנדערע פיוטים מיט פאַרשידענע נעמען פון די גרעסטע דיכטער אינם יידישן מיטלאַלטער. אַלע גאונים האָבן אַריינגעגעבן אינם מחזור זייערע וואָרמסטע תפילות, פונם גרעסטן דיכטער פון דער ספרדישער פעריאָדע — שלמה בן גבירול זיינען אַ חוץ לירישע רעמיניסצענצן, איז אויך אין פילע מחזורים פאַראַנען זיין גרויסע פילאָזאָפישע פאָעמע כתר מלכות, אַ מערקווירדיקער מאָנאָלאָג מיטן בורא, אין וועלכער דער פילאָזאָף בן גבירול דריקט אויס אין קורצע ריימען זיין רעליגיעזע פילאָזאָפיע. אפילו די קליר׳שע פיוטים, וואָס האָבן שון געהאַט שלעכטע קריטיקס נאָך פון אבן עזרא, זיינען אין יום כפורדיקן מחזור אויף אַ העכערער מדרגה, לויט זייער טיפן איהנאַלט, איבערחזרנדיק אין קלינגענדע ריימען אַלע מדרשים און לעגענדעס איבער גאָטס גרויסקייט און די מרכבה א.ז.וו. דער מחזור איז אַ גאַנץ גרויסע שיינע אַנטאָלאָגיע פון געטלעכער ליריק, וואָס נאָר דער ספר התהלים קאָן מיט איר קאָנקורירן! אַ שאָד נאָר וואָס דער ייד קוקט אַריין אין אָט דעם מחזור נאָר איינמאָל אין יאָר.

אַנדערע דורות אַנדערע יצירות. דער מחזור איז אָפּגעשלאָסן. נייע פיוטים זיינען נישט אַריינגענומען געוואָרן. אָבער אין דער לעצטער תקופה, אין דער צייט פון דער נייער יידישער יצירה האָבן אַלע גרויסע יידישע פראָזאַיקער אין ביידע לשונות אין גרעסערע און קליינערע דערציילונגען גענומען דעם יום כפור אַלס טעמע. פון די וויכטיקסטע איז צו דערמאָנען פרישמאַן „שלושה שאכלו", דריי וועלכע האָבן געגעסן אים יום כפור, און די דריי זיינען געווען דער רב מיט די צוויי דיינים, און דער פלאַץ אין אין שול . . . (אין דער צייט פון חלירע כדי די אַנדערע זאָלן זיי נאָכטון ווען פאַסטן איז אַ סכנה). י. ל. פרץ אין זיין „בשעת נעילה" מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט, שלום עליכם: „אים מעג מען מקנא זיין" (פונם טויט פון כתרילעווקער חזן ביי נעילה). יעדער באַהאַנדעלט דעם גרעסטן טאָג פונם יידישן רעליגיעזן יאָר אויף זיין אופן. אָבער ביי יעדן פילט מען אַרויס אַ ציטער פון הייליקייט—מען פילט, אַז נאָך אַלעמען, נאָך אַלע דרכים וואָס מען האָט זייט די קינדער יאָרן דורכגעמאַכט, איז דער יידישער פייער, דאָס שיינען פון די יום־כפור ליכט, ד אָ ס י י ד י ש ע ל י כ ט, האָבן אפשר די אַלע דרכים אונבאַוואוסט באַלויכטן, און האָט אונז צוריק געפירט צום שבת שבתון, צום הייליקסטן שבת פונם יידישן יאָר—צוריק געפירט אַהיים!

א. נ. שטענצל

## די באלאדע פון געראטעוועטן שופר

(דער באַלאַדן־ציקל געווידמעט די יידישע פּאַרטיזאַנער)

1.

אין צייט פון קריג שווער האָט עס דער סאָלדאַט,
דער פּאַרטיזאַנער אַ סך שווערער נאָך ווי ער;
דעם ערשטן שיקט מען אַ באַוואָפנטן,
דער צווייטער אָבער מוז ערשט שאַפן זיין געווער.

דער סאָלדאַט אין ריי האָט די פּאַנפּאַרן,
און מיט אַלע אינאיינעם געהעצט אים אין שפּאַן!
איינער אַליין פון זיין נאָרע אַרויס —
אַ טשאַטעוודיקע חיה איז דער פּאַרטיזאַן.

אַ מאַשינגעווער, אַ פּיסטויל ס'האָט ווער —
פון הינטערוואַלעכץ אַ פּאַטרול אַוועקגעלייגט!
און אַז פון טייך אַ טאַנק אַרויסגעשלעפּט —
מ'איז נישט פון צוקער, אָבער מ'איז אַדורכגעווייקט!

אין צייט פון קריג שווער האָט דער סאָלדאַט,
דער פּאַרטיזאַנער אַ סך שווערער נאָך ווי ער — —
פון אַ ברענענדיקער שול, פון פלאַמען,
ס'איז אַ שמש געקומען צולויפן אַהער — — —

מיט געראַטעוועטער ספר תורה,
וואָס קאָנען שוין פּאַרטיזאַנער מאַכן אַ סך,
אין איינציקן מאַנטל וואָס זיי האָבן
איינגעוויקעלט זי, און באַהאַלטן אונטער סכך.

אָבער דער געראַטעוועטער שופר,
זיי צוזאַמלען, צוזאַמצוהאַלטן — אַ פּאַנפּאַר!
און די תקיעה און שברים תריעה —
יעדער אַ צייכן צו ראַטעווען פון געפאַר —

און זעק ברויט שטעלן אַרויס די פויערים,
ווען פאַר די דערפער זיי דערהערן דעם טראָמפּייט!
די תקיעה גדולה ווערט געבלאָזן,
ווען פון שונא'ס האַנט אַ שטעטל איז באַפרייט.



2.

## די תשליך-באלאדע פון פארטיליקטן שטעטל

און אַז אָפּגעמעקט דאָס גאַנצע שטעטל,
און נישט געבליבן צומאָל אַ וואַנט פון אַ הויז,
ס'בית־החיים — אַ פעלד, אַ צעאַקערטס,
און קיין סימן נישט וואו געשטאַנען ס'איז דאָס קלויז,

אָבער דאָס טייכל איז דאָך געבליבן,
און די צעוויינטע ווערבעס וואָס רינגלנ'ס אַרום,
שטייען זיי געבויגענע אין דרייען,
סמוטנע פאַרשוויגן און מרה־שחורהדיק שטום —

אויגן פאַרלאָשענע, באַבעלעמטע,
פערוויאַנעטע, צעטריפטע פון וויינען שוין בלינד;
די לעפּעלעך, רויטע, געלאַמעוועטע,
אויסגעקראָכענע וויעס — די בלעטלעך אין ווינד!

שטייען זיי געבויגן און צעשויבערט,
אומעטיק, טרייסלדיק און איינגעקורטשעט קרום;
מיט זייער וויאַנען־ציטער אין רוקנס,
מוראדיק אויפגעשוידערט דער גאַנצער אַרום — —

ווי רויט עס ווערט און ווי אָנגעשוואָלן
זיי צופוסנס דאָס טייכל מיט זון־פאַרגיי!
איבער די קנעכלעך אין בלוט זיין שטייען,
אין דעם וועלן־געגליווער און רינצל־געגיי:

אָ, צו די קעפּ די אַראָפּגעהאַקטע,
צו דעם בלוטיקן פאַלן עס נעמט נישט קיין ענד!
איז עס נישט די זון אַזאַ געקעפּטע — — —
יאָמערן זיי אויף מיט צער־פאַרבראָכענע הענט —

ווי צעריסן, ווי שראַמיק פאַרוואונדיקט,
אַ בלוט־פאַרכלינעט פּנים מען זעט דאָך נאָר בלויז!
און זיי שעפּטשען מיט די ווידוי־ווערטער,
וואָס פון צווישן די וועלן עס כאָרכלט אַרויס.

3.

## אַ „תפלה-זכה“-באַלאַדע

בסך־הכל האָט זיך פון שטעטל פון גאַנצן
צוזאַמענגעקליבן יידן אַ מנין קוים,
פון היילן, פון וועלדער צוזאַמענגעלאָפן,
צוויי בעהאַלטענע פון איין אויסגעהוילטן בוים.

טרוקענע קאָרע זייערע פּנימער — — —
טאַקע דערפאַר האָט דער שונא זיי נישט דערקענט!
און וואָלט מענ׳ס גלויבן, ווען נישט מיט אויגן מ׳זעט׳ס,
אַז אויסהאַלטן אַזוינס מענטשן האָבן געקענט.

קיין איין הייזל נישט געבליבן פון שטעטל,
וואָלט כאָטש זיין טאַטע־מאַמע געפונען אַ זון;
פון די קעלערס שטינקן אַרויס די מתים,
וואָס מ׳האָט זיי זייער רעכט צומאָל נישט געטון.

שטייען זיי אַרום דער שול דער פאַרברענטער —
אַרום בית־עולם אַן איינגעפאַלענער צוים!
אין זייערע קעפּ — אַ פינסטערער שווינדל!
געקוקט זיי וואָלטן אין אַן אָפענעם תהום.

עס איז דאָך יום־כפור צו כל־נדרי היינט,
זיך אויסבעטן צו קענען וואָס איינער נאָר וויל,
און צו דאַוונען זיינען דאָך צען גענוג,
טאָ פאַרוואָס שטייען זיי ווי די טויטע אַזוי שטיל?

און אַז נישט אויסבעטן איז זיך אויסוויינען — —
און אַז פאַרטיזאַנער זיינען זיי דען פון שטיין — —
איבער די צעהילכטע האַרמאַטן אַרום
דער פאַרנאַכט הימל צעגייט ער נישט פון געוויין?

„ביז גאָט וועט זיין „תפלה־זכה“ ענדיקן!“
מיט קעפּ מיט טיף־געבויגענע וואַרטן זיי אָפּ:
„ווי ס׳הילכט דאָס איבער דער גאַנצער וועלט אָפּ,
פון זיין „על חטא שחטאנו“ זיין יעדער קלאַפּ —
— — — — — — — — — — — — — — — — “



4.

## אַ כל נדרי באַלאַדע

האָבן זיי דאָך וואו צוריקצוקומען,
כאָטש זיי האָבן דאָ נישט איבערן קאָפּ קיין דאָך — —
זיצט דאָך ערגיץ־וואו איצט ווער און באַשיצט,
און נישט נאָר ס׳ספר בלויז באַהאַלטן אונטער סכך — — —

אַלט איז ער טאַקע, אַן אַכציקער שוין,
אַ פאַרטיזאַנער אָבער ציילט מען נישט די צייך!
און ווען זיי לאָזן זיך אויף די וועגן,
און אין פינסטערן וואַלד ער בלייבט איינער אַליין,

פוצט ער ס׳כלי־זיין, שאַרפט ער די מעסערס,
מיטן געיאָמער פון זיין האַרץ שלייפט ער זיי אויס!
און אַז פאַרוואונדעט שלעפּט זיך ווער צוריק —
איז ער דאָ אים קעגנצוגיין פון וואַלד אַרויס.

און ס׳איז געקומען די כל־נדרי־נאַכט,
איינער אַליין אַ ייד מיט אַ ספר אין וואַלד!
האָט ער עס מיט שרעק אַרויסגענומען,
מיטן „אור זרוע לצדיק“־יאָמער געוואַלד — —

אים באַגלייטן די סעפּטעמבער ווינטן,
און פון אַלע זייטן דער האַרמאַטן געקנאַל!
אָבער זיין כל נדרי־ניגון,
פון אַ ווילדן פעלדזן אַ רייסנדיקער קוואַל:

„דאב־דרנא—וד־אשת־בענא — — —
דיין רעגנבויגן־שבועה זי איז אָפּגעמעקט,
און אַ בלוט מבול דערטרונקן די וועלט,
וואָס האָט פון אונזערע פיינען נישט אויפגעשרעקט —
— — — — — — — — — — — — — — — “

און ווען געקומען זיי זיינען צוריק,
דער אַלטער געלעגן איז אַ טויטער אויף דער ערד,
און דאָס ספר־תורה ברייט איבער אים,
ווי איבער אַ געפאַלענעם העלד ס׳ליגט זיין שווערד.

.5

## די באַלאַדע פון די הושענה־שניידער . . .

סמוטנע טרויעריק הענגען די הימלען,
צויטיקע נעצן אַרויסגעצויגענע פון טייך,
טריפן זיי אַזוי גאַנצע מעת־לעתן,
ביז קומען ווער זיי אַראָפּנעמען פון דער הייך ;

אויפציטערן מיט הענט, מיט צעשטרעקטע,
מיט טרייסל פון פינגער קניפּן צויטל מיט צויט,
ס׳זאָל אויסגעלייטערטער קלאָרער הימל,
זיך באַווייזן הינטער איינגעפאַלענעם פלויט.

אַ געקוילעטער ס׳איז דער פישער־ייד !
און דער זון זיינער ווער ווייסט אים ערגעץ אַוועק — —
קוואַקען פּעטע זשאַבעס פון טייך אַרויס,
אַ בעוואַקסענער מיט ריטלעך פון ברעג צו ברעג.

גרוי זיינען די טעג, שטאָק־פינסטער די נעכט,
אַ וויאַנענדיק בלאַט דאָס האַרץ ביי יעטוועדן שאָרך ;
וועקט זיך איבער דער פויער מיטן שלאָף :
„באַבע, עפּעס דאָרטן, ביים פלויטל דרויסן . . . האָרך !״

און איידער נאָך וואָס און איידער נאָך ווען,
אַ פּנים אַ באַקאַנטע דורך פענסטער אַריין קוקט :
„מאַטקאַ באָסקאַ ! ס׳איז דער טויטער פישער
אין זיין האַנט אַ בלוטיק מעסער צוקט — — ״

„איך בין געקומען די ריטלעך שניידן !
דו ווייסט דאָך הושענה־רבה ס׳איז אַלע יאָר — —
און דאָס בלוט אויפן שפּיץ־מעסער, זיי מוחל,
פון אַ זשאַבע, מן הסתם, ביים שניידן — און גאָר ! . . . ״

און ווען דער פויער האָט זיך אויפגעכאַפּט,
איז דער הימל געווען אויסגעלייטערט קלאָר,
און נישט דער טויטער פישער ס׳איז געווען —
דעם פישער־יידס זון מיט פּאַרטיזאַנער אַ פּאָר.





## אונזער רב

(דערציילונג)

דער רב, אַ ייד שוין אין די זעכציקער, אַ הויכער און ברייטביינערדיקער מיט אַ ווייסער צעפּאָכעטער באָרד, וואָס האָט זיך געטיילט אין צוויי לאַנגע שפּיצן. איבער זיינע שטילע און גוטע אויגן, מיט די שווערע בלויע קישעלעך אונטער זיי, האָבן צוויי געדיכט באַוואַקסענע ברעמען אַריבערגעהאַנגען, און זיי פאַרשטעלט. און ווען ער פלעגט די אויגן ברייט עפענען, בשעת אַ שווערן ענין, האָט זיך אַ שאַרפער קנייטש אַריינגעשניטן אינם פאַרמעט געל געקאָרבטן שטערן. אינם פירעקעכדיקן שטיבל, וואו דער רב האָט תמיד ליב געהאַט צו זיצן, איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, אַ שאַנק מיט שווערע און דיקע ספרים. אַקעגן אויף די צווייטע זייט, האָט אויפן וואַנט געהאַנגען אַ אַלט פאַרצייטישער זייגער, מיט געלע בלימעלעך באַמאָלט, און האָט הייזעריק אויסגעכאָרכלט די שעהן.

דאָס שטעטל ר. וואו דער רב האָט געוואוינט, ליגט פון איין זייט אָנגעשפּאַרט נעבן נישט קיין הויך בערגל. אַ שטיל ריזעלדיק טייכל פליסט פאַרחלומט דורך און שניידט עס איבער כמעט אין דער מיט. יעדן שבת, בשעת יידן און ווייבער פלעגן דורכגיין די בריק, וואָס פירט צו די שול, מיט פרומע איינגעהאַלטענע טריטלעך, האָט זיך סאַמעט און זיידנס געשפּיגעלט אינם וואַסער, וואָס שטראָמט רואיק ווייט־ווייט אַוועק, און די ווערבעס ביים טייך מיט אַריבערגעהאַנגענע דינע צווייגלעך, האָבן זיך געוויגט און געבויגן אין אַ שטיל שבתדיק געבעט.

זומער, יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג, פלעגן פאַרשמייעטע יידן איילן דורך דער בית המדרש גאַס, באַרג אַראָפּ צום טייך זיך באָדן. און בשעתן דורכגיין דעם רבס שטיבל, אויס געוואוינהייט געבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ צום פענסטער, ווי דער רב פלעגט שטיין אין זיין ברייטן טלית־קטן, און פאַרטראַכט געקוקט איבער די האַלבע פאַרהענגלעך אינם שמאָלן געסל אַריין ; אַ פערבלאָנדזשעטער בליק איז געפאַלן אויף די רייכע שורהס בעלי־בתישע הייזער, וואָס שטייען אַרויף צום מאַרק צו, און מיט גאוה אַראָפּגעקוקט אויף די נידריקע אָרימע הייזלעך אין דער יידישע שטאָט.

דער רב האָט גוט געקענט זיין עדה, געהאַט יעדן איינעם אין זינען, געוואוסט זייער לאַגע און דעם שטייגער לעבן פונם אָרימאַן, און ער האָט נישט ווילנדיק אַ שטאַרקן קרעכץ געטון. זיין בליק געווענדט צום הימל, פון דאָרט צו קריגן אַ „רמז״ אויף די ספיקות, וואָס ס׳האָט זיך אין מוח אַריינגעבויערט. אָבער אַז ער האָט געזעען ווי יידן איילן צום טייך לכבוד שבת, האָט ער אַ צופרידענעם שמייכל געטון און ברייטלעך זיך איבער זיין פּנים געלייגט, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרפלאָנטערער זונען שטראַל אויף אַ פּראָסטיק פעלד.

נאָך קיינמאָל אין לעבן האָט אונזער רב אַזוי שטאַרק געפילט די איינ־

זאַמקייט ווי די לעצטע צייט, זינט ער איז געוואָרן רב אין דעם קליין פאַרוואָרפענעם פּויליש שטעטל ר... אַליין אַ שטילער און בטבע צוריקגעצויגען פונם רוב יידן, מיינסטענס פון חסידישן עולם, וואָס פלעגן אים אָפּט דערוגז׳ן, דערפאַר וואָס דער רב, דער מרא דאתרא, איז געווען אַ מתנגד, און מחמת די נאַרישע רייסערייען און די אָפּטע סכסוכים אַרום זיין פּערזאָן, האָט ער גאַנצע שעהן היין און צוריק אַ מרה־שחורהדיקער אינם פירעקעכדיקן שטיבל געשפּאַנט, מיט אַ בייז געמיט וואָס האָט זיך ווי בייסנדע ווערימלעך אין זיין האַרץ און מוח באַזעצט. פאַרטיפט אין זיינע רעיונות האָט ער אַלע מאָל, מיט די רויטע באַבלימעלטע פאַרטשיילע אין האַנט, אַ פּאָכע געטון, ווי איינער וואָס וויל פאַרטרייבן אַ אומהיימלעכן געדאַנק.

דער שטעטלדיקער עולם האָט אים גערופן „אונזער רב“, ממש ווי ער וואָלט אַ נאָמען קיינמאָל נישט געהאַט, און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַ רב פון אַ קליין שטעטל, האָט ערגיץ וואו זיין נאָמען פאַרלוירן. מיט יאָרן צוריק ווען יידן האָבן צווישן זיך געהאַט אַ סכסוך, פלעגט מען גיין צום רב ר׳ חיים ברוך זימערמאַן, אָבער זינט דער מחלוקה, וואָס האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט, און ס׳איז געווען שווער צו וויסן, וואָס דער עולם וויל פון אים. אַ ים פון יסורים און צער האָט ער געהאַט פון דעם בייעם צונאָמען. בעיקר פון דעם ביטול־טאָן וואָס די חסידים האָבן אין דעם צונאָמען אַריינגעלייגט.

פון לאַנג־אָן איז דאָס שטעטל געווען ווייניק באַלעבט און געטראָגן אויף זיך אַ מרה־שחורה פון שטענדיקע דאגות, און צווישן מנחה ומעריב האָבן יידן זיך געקלאָגט אויף די שלעכטע צייט, די היינטיקע פרנסות, און גלאַט אַזוי וועגן שטאָט זאַכן, און באַלד איז דער שמועס איבערגעגאַנגען וועגן רב און זיין דרך פון פסקענען שאלות; זיך געהיצט, געריסן, און ס׳האָט געפירט צו נישט קיין שיינע מעשים. טרויריק שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט דער רב זיך פאַרקליבן אין זיין חדר מיוחד און ווייניק זיך באַוויזן אין גאַס. און ווען ער פלעגט שוין יאָ ווען אַרויס אין גאַס, צוליב אַ שטאָטישן ענין אָדער וועגן צרת רבים, האָט ער שנעל דורכגעשפּאַנט. דעם שווערן גלאַנציקן שטעקן אין האַנט, דער ספּאָדיק ביזן נאַקן פאַררוקט, און קורצע צייגענע הויזן ביז די קני, מיט ווייסע זאָקן און האַלבע שיך; זומער אין אַ ריפּסענעם כאַלאַט ביז צו די קנעכל, און הערשל שמש, דער קורצער, איז כמעט ווי נאָכגעלאָפן, מחמת זיינע דריבנע טריטלעך. חסידים האָבן זיך אָוועקגעדרייט ווי נישט זעענדיק, און דער פּראָסטער עולם האָט געגאַפט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

לעבעדיק נור איז געווען אין די צייט פונם גרויסן יריד וואָס פאַלט אויס נאָנט צו די ימים נוראים, און מיט וואָכן צוריק האָט שוין דאָס שטעטל געאָטעמט מיט אונרואיקייט און צוגרייטונג. אויפן מאַרק, רונד אַרום מיט געוועלבער, איז פון פרימאָרגן אָנגעקומען פון די דערפער פּויערים מיט ברייטע רויטע גאַרטלען, פּויערטעס אין קאָלירטע קליידלעך מיט בלויע געלע סטענגעס, און מיט די פערד און וועגענער זיך אַריינגעפּלאָכטן איינס אינם אַנדערן. עס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ גרויסער שטויב, און זיך צוזאַמענגעמישט מיט די קולות און



ריחות, וואָס זיי האָבן מיטגעבריינגט פון דאָרף און פעלד. הענדלער זיינען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, דאָס האָט אַריינגעבריינגט שפע. יידישע ווייבער פון גאַנץ פרי האָבן אָבגעוואַרט אויף די וועגן, איינגעהאַנדלט עופות, אייער, גרינוואַרגס. מלמדים זיינען געווען פאַרנומען, יינגלעך קונדסים זיינען אין חדר נישט געגאַנגען. עס איז געווען אַ אמתער יום טוב. ביים רב אינם בית דין שטיבל האָט גערעשט, געליאַרעמט. יידן האָבן געהאַט דין תורהס וועגן מסחר, און נאָך דעם, איז ער אַ מידער גאַנצע שעהן געזעסן געטראַכט, און דער רויך פון זיין גרויסער לולקע־ציבעק האָט איינגעוויקעלט דאָס שטיבל, און געווען צופרידן וואָס יידן האָבן פרנסה.

איינמאָל באַלד נאָך סכות האָבן זיך אָנגערוקט שווערע טעג. אַ קאַלטער רעגן האָט אָן אויפהער געגאָסן און אַ שטילער טרויער איבערן שטעטל זיך געלייגט. אַ שווערער בלייערנער הימל האָט איבערגעצויגן און דאָס לעבן אין גרויקייט אַריינגענומען. די נעכט האָבן זיך שרעקלעך לאַנג געצויגן און די טעג זיינען געוואָרן קורצער. וואָס ווייטער האָט זיך דער ווינטער געשטאַרקט. די בייזע פראָסט האָט זיך ווי אַ חיה רעה אינם שטעטל אַריינגעריסן. די זאַווערוכע האָט די הייזלעך אין טיפן שניי געהילט און דער ווינט האָט ביי נאַכט מיט אַ געקלאָג זיך געוויקעלט אַרום די קוימענס פון די הייזלעך, וואָס זיינען פאַרשטיינערט געשטאַנען אָנגעטון אין ווייסע קיטלען. ביי אַ טייל אָרימע שטיבן זיינען די פענסטער געווען מיט ברעטלעך פאַרקלאַפּט. די אויסגעבראָכענע שויבן מיט שמאַטעס פאַרשטופּט, און געקוקט ווי מיט שוואַרצע אויגן אין די ווייסע וועלט אַריין. דער שלעכטער מצב פונם אָרימען יידישן מענטש איז געוואָרן מער ניכר; דאָרפס־יידן זיינען געזעסן אין דער היים. פּויערים זיינען נישט געקומען. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳שטעטל האָט דעם אָטעם פאַרלוירן. יידענעס אין וואַטענע שפּענצערס האָבן זיך אויפן שוועל פון זייערע קראָמען באַוויזן, מיט דיקע דערעלעך אַרום דעם קאָפּ געהילט, און קוים אַ האַלבע טיר געעפנט; אַ אייזיקע פראָסט האָט אַ שפּאַר אַריין געטון מיט אַ קאַלטן גוט מאָרגן. אַ פּויערל איז פון ערגיץ געקומען שטאַרק באַפּעלצט און אויסגעזעען ווי צוגעקאָוועט צום געזעס אינם ברייטן שליטן וואָס האָט אין זיגזאַגן געגליטשט זיך דורך די קרומע געסלעך צום מאַרק צו. קופּקעלעך יידן זיינען געשטאַנען, געבלאָזן אין די הענט און יעדער איז געווען פאַרנומען מיט איין מחשבה וועגן שבת: היינט איז דאָנערשטאָג און אינם מוח פּיקעט! דאָס ווייב הייבט אָן מאָנען, צוערשט מיט אַ פרום יידיש מינעלע און געבן אָנצוהערן וועגן יקרות, די קרירה׳ס א.אַז.וו. און שפּעטער צו נעמט עס אָן אַ האַרבן טאָן, ביז צו קריגעריי, ביז דער ליבער שבת־קודש שפּרייט אויס זיינע פליגלען איבערן שטעטל און וויגט עס איין אין אַ זיסער מנוחה. דער יידישער עולם איז שטאַרק באַזאָרגט, אַ קליינינקייט: אַ גאַנצע וואָך איז נישט געוואָרן געקוילעט, אין אָרימע שטיבן פעלט ממש אויס אַ שטיקל פעטץ דאָס טשאָלענט צו פאַררוקן. יידן האָבן זיך אומרואיק געדרייט אין מאַרק. דער פראָסט פייערט און בריט שטאַרק די אויערן, און מען זעט בחוש ווי דער שטן האַלט מלחמה מיט שטעטל. און פּלוצים איז אַ נס געשעען. הירש בער קצב האָט

געבריינגט אַ יינג צאַפּלדיק בהמהלע. און דער עולם האָט געלויבט השם יתברך וואָס פאַרלאָזט נישט זיין עדה. עס איז אָבער געווען אַ נס מיט אַ סירחה'לע—אויף דער לונג פונם בהמהלע איז געווען אַ סירחהלע.

אינם שטעטל האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אין אַזאַ עת צרה האָט זיך דער חסידישער שוחט אַליין זיך מתעסק געווען דערמיט און מיט גרויס התמדה געאַרבעט מיט זיין לאַנגען נאָגל: הירש בער קצב בלאָזט אין דער לונג, דער שוחט גיסט וואַסער און פּאַטשט מיט דער האַנט, און ווי צו להכעיס גייט עס נישט; אָן אַנדערש מאָל, ווען ער איז אין ספק, זאָגט ער טריפה. נאָר היינט אַ קליניקייט עונג שבת—אַ שטאָט וואָרט . . . איז געבליבן גיין צום רב. און ווידער דאָס זעלבע מען גיסט וואַסער, דער קצב בלאָזט פון זיך אַרויס די כוחות. די גאַנצע צייט האָט דער רב געשפּאַנט אינם שטיבל הין און צוריק און זיך צוגעהערט ווי דער אַלטער זייגער קלאַפּט הייזעריק און שטאַרק פאַרטיפט אין עפּעס אַ האַרבן ענין. איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט אַ שטאַרקן הויך. אויף די שויב געטון וואו ער האָט זיך געמאַכט אַ קיילעכדיק רעדעלע און באַטראַכט דעם הימל וואָס האָט שוין מיט אַ שבת שמייכל אַריינגעקוקט אינם שטעטל און צו זיך אַליין גערעדט: „אַ שטאָט וואָרט אויף עונג שבת... יידן ס'איז כשר! בתנאי דער פרייז זאָל ניט געהעכערט ווערן פאַר אָרימע לייט“. הגם חסידים האָבן זיך געקוויקט מיט די שבתדיקע סעודה און פעטן קוגל, אָבער באַלד מוצאי שבת האָט זיך אַ נייע מחלוקה צופלאַקערט. די חסדים האָבן אים נישט געקענט מוחל זיין וואָס דער רב האָט צופיל געשטעלט אויף זיך.

אַ טיפער טרויער האָט זיך אינם פּיערעקעכדיקן שטיבל געלייגט זייט דעמאָלט און דריקט שווער אַרויף אויפן רב פּלייצעס, און מען זעט בחוש ווי ער ווערט אַלץ נידריקער און נידריקער; די קישעלעך אונטער זיינע מידע אויגן ווערן אַלץ שווערער און בלויער. עפּעס מאָדנע ראַזשעט אים דאָס הייזעריקע קלאַפּן פונם אַלטן זייגער וואָס האָט דאַכט זיך נאָר אַ שייכות צו אים אַליין, צו זיין נאָמען וואָס ער האָט אים דאָ אין שטעטל פאַרלוירן. דערפאַר אָבער האָט ער אַליין עולה יפה געווען ביים פּראָסטן עולם, וואָס האָבן אים גערוינט מיטן נאָמען „אונזער רב“ . . . . ווייל זיי האָבן דאָך באַשיינפּערלעך געזען אַז ער איז אויף זייער זייט און זיך אָנגענומען זייער קריוודע. און ער איז געבליבן אין שטעטל ביי דעם נאָמען „אונזער רב“. אָבער וואָס אַ חשיבות האָבן די ליבע ווערטער פונם פּראָסטן עולם, לגבי דעם ביטול־טאָן פון די פּני; בשעת זיי זאָגן אַרויס די צוויי ווערטער אונזער רב, איז עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך געבלאָזן אויף אַ נישט גלאַטיק סירחהלע.





## פרייהייט פון דענקן און גלויבן ביי יידן

.IV

דער וואָס וויל זיך באַנוצן מיט דער פרייהייט פון דענקן און גלויבן מוז קודם כל זיין איבערצייגט, אַז עס באַשטייט אַזאַ פרייהייט. ער מוז גלויבן, אַז דער מענטש איז פריי: אַז עס איז פאַראַנען אַ בחירה. וואָרום דער וואָס גלויבט אין דעטערמינאַציאָן ד.ה. אַז אַלעס וואָס דער מענטש דענקט אָדער טוט, איז פון פאָראויס באַשטימט דורך זיינע איינגעבוירענע אייגענשאַפטן אָדער פון גאָט פאַרלייקענט דאָך יעדן פאָרם פון מענטשלעכער פרייהייט, טאָ ווי אַזוי קאָנען די מענטשן זיין פריי זיך צוצוהערן צו זיין וואָרט. סיידען, ער מוז זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז ער איז אויך פון גאָט געשיקט אָדער פון אַ בלינדע דעטערמינאַציאָן. עס דאַרף דערפאַר פאַר יעדן פאַרשטענדיקן מענטש קלאָר זיין, אַז די אָנהענגער און גלויביקע פון פרייעם וואָרט קאָנען אַזוי איינעם ניט דערלויבן צו פרעדיקן זיין דעטערמיניסטישע תורה, ווי הויך און ערהאַבן די דאָזיקע תורה זאָל ניט זיין, וואָרום זיי קאָנען דאָך ניט צולאָזן, אַז די דאָזיקע פרייהייט זאָל ווערן אויסגענוצט זיך זעלבסט צו פאַרניכטן, צו דערשטיקן די פרייהייט פון דענקן און גלויבן. עס איז דערפאַר ניט צו באַגרייפן פאַרוואָס אפילו יידישע וויסענשאַפטלער וואָס האָבן זער גוט פאַרשטאַנען, אַז דער יסוד פון ברוך שפינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע איז דעטערמיניזם, האָבן טענות געהאַט צו די אַמסטערדאַמער רבנים — פאַרוואָס זיי האָבן שפינאָזאַן געלייגט אין חרם אַריין און פאַרבאָטן צו לייענען זיינע ביכער? —

שפינאָזאַ האָט, ווי אַנדערע פאַר אים, געטראַכט צו פאַרענטפערן די אַנגעוויייטיקטע פראַגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו“, ד.ה. אויב די וועלט ווערט באמת אָנגעפירט פון אַ העכערן זיטליכן וועזן טאָ פאַרוואָס גייט עס דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט? * חכמי התלמוד האָבן די דאָזיקע פראַגע רעאַליסטיש געענטפערט. זיי האָבן פון ערפאַרונגען געלערנט, אַז אויב זיי וועלן אָננעמען, אַז אַלעס וואָס דער מענטש טוט איז פאָראויס באַשטימט וועט זיין „לית דין ולית דיין“, די וועלט וועט פאַרוואַנדעלט ווערן אין אַ דזשאַנגעל, ווי איינער וועט אויפפרעסן דעם צווייטן. וואָרים מיט וועלכע רעכט וועט מען משפטן אַ מענטש, ווען מען איז איבערצייגט, אַז אַלעס וואָס ער האָט געטון איז ער געווען געצוואונגען צו טון? זיי האָבן דערפאַר געמוזט אָננעמען, אַז אין הימעל ווערט פאָראויס געזאָגט „טיפה זו מה תהא עליה גבור או חלש, חכם או טפש, עשיר או עני ואילו צדיק או רשע לא“ ד.ה. אַלעס איז דעטערמיניסטיש אַחוץ צדקות און רשעות. דאָס פאַרענטפערט פאָלקאָמען די פראַגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו“. די טעאָריע איז אָבער אין געגנשטרייט מיט זייער קאָנצעפּציע איבער השגחה פרטיות, וואָרים זיי גלויבן דאָך, אַז „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה“—דער מענטש קאָן מיט זיין פינגער ניט באַוועגן ווען מען ערלויבט דאָס אים ניט פון הימעל.—זיי

זיינען דערפאַר געווען געצווינגען, כדי צו דערהאַלטן זייער מיינונג איבער בחירה און זייער גלויבן איבער ידיעה, צו קומען צום אויספיר, אַבוואָל דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קאָן עס ניט באַגרייפן, אַז עס איז דאָך מעגלעך, לויט זייער אייגנאַרטיקן אַקסיאָם איבער גאָט, אַז עס זאָל זיין „הכל צפוי והרשות נתונה": ידיעה און בחירה. און כדי אָוועקצושטעלן די סאָציאַלע גערעכטיקייט אויף אַ פעסטן באַזיס זיינען זיי געווען געצווינגען צו האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז ניט קוקנדיק, וואָס יעדער איינער האָט אַ רעכט אויפצושטעלן אַן אייגענע טעאָריע איבער די געזעצן פון דער נאַטור ווייל די גאַנצע מעטאַפיזישע פאָרשונג איז היפּאָטעטיש, וואָרים פונקט אַזוי ווי דער מענטש קאָן זיך ניט פאָרשטעלן גאָט אַזוי קאָן ער אויך ניט פאַרשטיין גאָטס דרכים ווי דער נביא זאָגט „כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי נאום ד'", האָט ער דאָך ניט ריין רעכט צו פאַרענדערן אָדער אַנדערש אויסטייטשן די געזעצן פון רעכט און אונרעכט, פון צדקות און רשעות.

די חכמי התלמוד האָבן געגעבן אַ גענויע דעפיניציע וואָס עס איז צדקות און רשעות. די תורה דערציילט „ויאמר לרשע למה תכה רעך" אויף דעם זאָגן די חכמי התלמוד" מכאן שמשעה שאדם מרים ידו להכות חבירו אע"פ שלא הכהו נקרא רשע". זיי מיינען דערמיט צו זאָגן, אַז ניט די מעשה: דאָס אויפהייבן די האַנט ווערט אָנגערופן רשעות נאָר עס איז די כוונה: צו שלאָגן דעם צווייטן, ד.ה. אפילו מען גלויבט, אַז דער מענטש קאָן מיט זיין פינגער ניט באַוועגן ווען מען ערלויבט עס אים ניט פון הימעל איז ער דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די כוונה לייד צו טון אַ צווייטן. „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע". דער מענטש איז ניט קיין חיה מער וואָס באַזיצט ניט דעם חוש פאַר גוט און שלעכט און קאָן דערפאַר ניט באַרעכנען די אויסווירקונג פון אירע טאַטן. ער איז גלייך צו אונז, ער ווייסט וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט. ער האָט געלערנט פון זיינע ערפאַרונגען פון וואָס אַ מענטש האָט פאַרגעניגן און פון וואָס ער ליידט, דערפאַר איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע טאַטן.

שפינאָזאַ האָט אָבער ניט, ווי די חכמי התלמוד אויפגעבויט זיין מעטאַפיזיק אויפן יסוד פון די ערפאַרונגען פון לעבן. ער האָט זער ווייניק געקאַנט דאָס לעבן. אָבגעשלאָסן אין זיינע ד' אמות האָט ער געוואָלט אויפשטעלן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג אויפן יסוד פון זיינע מעטאַפיזישע פאָרשונגען. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפונקט „אַז געטליכקייט מיינט פאָלקאָמענהייט, דערפאַר איז ניט ריכטיג צו באַשרענקן די געטליכע ידיעה, ד.ה. צו זאָגן אַז דער מענטש איז פריי, וואָרים דאָס וואָלט געמיינט, אַז גאָט איז ניט פערפעקט. און צו באַהויפּטן אַז די סיבה מכל הסיבות, ד.ה. גאָט, איז ניט פאָלקאָמען איז פשוט אונלאָגיש. מען מוז דערפאַר צוגעבן אַז אויך צדקות און רשעות קומען פון גאָט". ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז אפילו די דירעקטע כוונה שלעכטס צו טון קומט פון גאָט, און כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע, ווי אַזוי עס איז מעגליך, אַז פון דעם העכסטן זיטליכן וועזן זאָל קומען רשעות — זאָגט ער — „אַז עס באַשטייט גענצליך ניט קיין צדקות און קיין רשעות. אַלע מעשים פון דעם מענטש ווי פון די גאַנצע נאַטור זיינען נויטווענדיק פאַר



זייער באַשטיין". לויט זיין קאָנצעפּציע איז דער אוניווערזום ניט קיין שאַפונג פון גאָט, ווי צ.ב.ש. דער קינסטלער אין זיין ווערק, נאָר, דער אוניווערזום איז אַן אויסשטראַלונג פון גאָט ווי די שטראַלן פון דער זון און פונקט אַזוי ווי די שטראַלן האָבן די זעלבע נאַטור ווי די זון ווייל זיי זיינען די זעלבע מאַטעריע וואָס די זון, אַזוי האָט אויך דער אוניווערזום די זעלבע נאַטור וואָס גאָט. און אַזוי ווי די נאַטור פון גאָט איז דער „אין סוף" מוז די נאַטור פון אוניווערזום דערפאַר לאָגישערווייזע אויך זיין דער אין סוף". די דאָזיקע נאַטור—זאָגט ער—דריקט זיך אויס אין דעם שטרעבן צו זיין, צו בלייבן—דאָס איז דער יסוד פון אַלע נאַטור געזעצן. דער מענטש וואָס איז נאָר ווי אַ נישטיקער אַטאָם אין דעם אוניווערזום איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אונטערוואָרפן דאָס זעלבע געזעץ, דערפאַר איז ניט ריכטיק אָנצורופן זיינע פעולות אָדער זיינע כוונות זינד, רשעות, אין דער צייט ווען זיי זיינען דער אויסדרוק פון אַן אונבאַשטרייטבאַרן אמת. פון דעם שטרעבן צו זיין, צו עקזיסטירן". ער ווייזט אויך אָן ווי אַזוי דער מענטש קאָן ווערן קאָנטראָלירט אין זיינע מעשים. דער אַטריבוט, וואָס מיר רופן אַן פאַרשטאַנד, ווייזט דעם וועג וואָס דער מענטש האָט צו פאָלגן אין לעבן. דער פאַרשטאַנד לערנט אים, אַז דער שטרייט פאַר זיין דאַזיין קאָן נאָר דאַן ערפאָלגרייך זיין, ווען ער וועט זיך פאַראייניקן מיט זיין מיט־מענטש. נאָר דאָס וואָס ברענגט אין סכנה די פאַראייניגונג קאָן ווערן אָנגערופן זינד. דער שטאַט איז די איינציקע אינסטיטוציע וואָס האָט אַ רעכט אָנצוווייזן וואָס עס איז נוצלעך פאַר דער צוזאַמענלעבונג און וואָס עס איז שעדליך און אויך באַשטראָפן די וואָס זיינען עובר אויף די געזעצן, אַנדערש אָבער באַשטייט ניט קיין רשעות, קיין זינד.

אמת, אַלס אַ טעאָרעטישע פילאָזאָפיע איז שפינאָזאָס פּאַנטעאיסטיש דעטערמיניסטישע לערע ניט שעדליך פאַר דער מענטשהייט. זי ווערט ערשט דאַן געפערלעך ווען מען וויל זי איינפירן אין דער פראַקטיק, ווי מען האָט עס געוואָלט טון אין נאַציישן דייטשלאַנד. מילמאַן אין זיין „היסטאָרי אָף טהי דזשוס" שרייבט „אַז כמעט אַלע דייטשע פילאָזאָפן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן שפינאָזאַן אָבגעגעבן אַן ערענפלאַץ אין זייערע פאָרשונגען און ווען מיר לעזן פראַנץ נעימאַנס בוך „בעהעמאָטה" און זעען וויפיל די דאָזיקע וויסנשאַפטלער האָבן בייגעטראָגן צו דער פינסטערער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, פאַרשטייט מען ערשט די קללה וואָס זי האָט געברענגט מיט זיך. היינע האָט די דאָזיקע קללה פאָראויס געזען. אין זיין „געשיכטע דער רעליגיאָן אונד פילאָזאָפיע אין דויטשלאַנד" שרייבט ער: „דאָס קריסטענטום האָט יענע ברוטאַלע גערמאַנישע קאָמפּסלוסט איינגערמאָסן איינגעשלעפערט אָבער ניט צעשטערט. און ווען אַמאָל דער קרייץ וועט צעבראָכן ווערן און קומען וועט דער טאָג ווען טהאָר וועט אויפשטיין און זיך אויסרייבן דעם טויזנט יאָריקן שטויב פון זיינע אויגן און מיט זיין ריזן האַמער צעשמעטערן דעם גאָטישן דאָם . . . " „לאַכט ניט איבער מיין ראָט, איבער דעם ראָט פון אַ טרוימער וואָס וואָרנט אייך פאַר קאַנטיאַנערן און פיכטאַנערן", און ווייסנדיק אַז פיכטע, דער גייסטיקער פאָטער פון ראַסן־נאַציאָנאַליזם האָט מיט שפינאָזאָס

פילאָזאָפישע טעאָריע צעבראָכן דעם קרייז, ער זאָגט: „אַז די לעבעדיקע און ווירקנדע מאָראַלישע אָרדנונג איז זעלבסט גאָט, מיר ברויכן קיין אַנדערן גאָט און קאָנען אויך קיין אַנדערן באַגרייפן“, זאָלן מיר נאָר בענטשן די אַמסטערדאַמער רבנים פאַר זייער ווייטזיכטיקן בליק צו פאַרבאָטן, אַז די דאָזיקע דעטערמיניסטישע תורה זאָל ווערן פאַרשפּרייט צווישן די יידן.

---

דער לעצטער, אין אונזערע אויגן, אינגאַנצן ניט ריכטיקער זאַץ פונם דעם אַרטיקל ווערט אויך מיט־אָפּגעדרוקט, ווייל מיך האַלטן מיט אַן אמתן מיט דעם גרויסן פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ, פון פרייהייט פון דענקן. — (שט.)

אליהו פאלושאק

## פינף יאָר מלחמה און מיר יידן

.1

דעם 3־טען סעפּטעמבער, עלף אַזייגער אינדערפרי איז געוואָרן פינף יאָר מלחמה. אין שולן און אין קירכן האָט מען אָפּגעהאַלטן תפילות און גאָטעס־דינסטן; פרייע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געדענק־שעה, מען האָט גערעדט איבער די סיבות און טראַגעדיעס פון די איצטיקע וועלט־מלחמה; מען האָט זיך דערמאָנט אָן די קרבנות: די געפאַלענע, פאַרוואונדעטע און געמאָרדעטע; אָן די צוריקגעבליבענע אלמנות און יתומים; און אין מאַנכע באַהאַלטענע ווינקעלעך האָט מען זיך דערמאָנט אָן די קדושים און מאַרטירער, וועלכע זיינען געוואָרן אומגעבראַכט אין אַ צאָל — — — מיר ווייסן נאָך נישט גענוי.... זיי זיינען קדושים און מאַרטירער: העלדן, וואָס זיינען געוואָרן אומגעבראַכט אָדער האָבן זיך אַליין אומגעבראַכט, שטיל און רעזיגנירט, און העלדן, וואָס האָבן מיטן לעצטן ביסל כוח געקעמפט קעגן די מענטשלעכע בעסטיעס, ביז זייער לעצטער הייליקער אָטעם איז געוואָרן פאַרלאָשן.

אונזערע געדאַנקען און געפילן זיינען געווידמעט אָט די אַלע אומצעליקע קרבנות און מיר שרייען נישט מער, און מיר יאָמערן נישט מער. מיר טראָגן אונזער ווייטאָק גאָרנישט מער אַרויס אויף דער גאַס: די וועלט קען אונזער יאָמער און טראַגעדיע. די וועלט שווייגט, די וועלט העלפט נישט. די וועלט וויל נישט העלפן אפילו נאָך פינף יאָר מלחמה.

אַנדערע פעלקער האָבן אויך געליטן, האָבן אויך קדושים, מאַרטירער און העלדן, אָבער זיי האָבן געוואוסט און ווייסן פאַרוואָס זיי ליידן. די גוערילעס אין רוסלאַנד און די מאַקיס אין פראַנקרייך זיינען נישט געווען אומזיסטע קרבנות. דער זאָמען איז געוואָרן געזייט און די פרוכט גייט איצטער אויף!.... רוסלאַנד איז היינט פריי און באַפרייט אַנדערע, און דאָס אַמאָליקע געפאַלענע



פראַנקרייך שטייט אויף אין גלאָריע און הערליכקייט, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין איר געשיכטע. דער גייסט פון דער צערשטערונג פון דער באַסטיליע אין 1789 און פון דער פאַריזער קאָמונע פון 1871 איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אין די קערפּערס פון די יינגע מאַקיס, וואָס שטעלן איין זייער לעבן פאַר די פּרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

אָבער די מיליאָנען יידישע קדושים און קרבנות פון פּוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, ליטא, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע; די פאַרשלעפּטע פון האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, דענעמאַרק, פון די באַלקאַן לענדער און אַלע ווינקעלעך וואו די דייטשע בעסטיע האָט געהערשט און הערשט נאָך איצטער — זיי זיינען נישט געפאַלן אין אַן ערלעכן קאַמף... זיי זיינען געוואָרן געשענדעט און פאַרטיליקט פאַר אַ כלומרשט פּרינציפּ, אַז „דער ייד איז דאָס אומגליק פון דער וועלט“, אַז אין דער אייראָפּעאישער „ניי־אָרדנונג“, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַרן יידישן פאָלק. ס׳ווילט זיך נישט גלייבן און עס איז נישט צו באַגרייפן אַ וועלט, אַ מענטשהייט דאַרף ווערן פאַרזונקען פאַר בושה!

די עפּעס משונה׳דיק־אכזריות׳דיקע מלחמה קעגן אונז יידן האָט זיך אָנגעהויבן ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד. די אַרויסגעגעבענע פאַראָלן קעגן די יידן זיינען נישט געווען קיין לאָזונגען קעגן די דייטשע יידן, נאָר אַ קאַמף־אָנזאָג צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט. און דאָך מוז מען ליידער זאָגן, אַז די גרעסטע צאָל יידן אפילו דאָ אין ענגלאַנד האָבן מיט זייער קורצן שכל נאָך ביז צום היינטיקן טאָג נישט פאַרשטאַנען, אַז היטלער מיט זיינע תלינים האָט אויך זיי געמיינט. און אַז דער קאַמף קעגן אונז יידן איז נאָך נישט פאַרענדיקט, — איך מיין דעם קאַמף קעגן אונז אַלס פאָלק אָדער ראַסע.

אין דער צייט פונעם טשעכאָסלאָוואַקישן קריזיס, ווען לאָרד רונסימען איז געוואָרן געשיקט פונם היגן אויסנמיניסטעריום אויסצופאָרשן דאָס פּראָבלעם און די לאַגע פון די סודעטן־דייטשן; אין דער צייט פון יענע הייסע אויפגערעגטע סעפּטעמבער־טעג, ווען מענטשן אין מיטעל־אייראָפּע האָבן געלעבט צווישן מויערן פון דעפּרעסיע, אומזיכערקייט, אומרואיגקייט און אומוויסנקייט, איז מיינער אַ גוטער פריינט צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין דער שווייץ. איך האָב אים אויסגעפרעגט איבער די לאַגע אין דער שווייץ, וואָס מען דענקט און פילט דאָרט איבער דעם קאָנפליקט דייטשלאַנד־טשעכאָסלאָוואַקיע. האָט ער מיר געענטפערט, אַז אין דער שווייץ איז מען זיכער, אַז דער דעמאָקראַטישער געדאַנק וועט זיגן. ד.ה., אַז די אַזויגערופענע דעמאָקראַטישע לענדער וועלן נישט מקריב זיין די פרייע טשעכאָסלאָוואַקיע אויפן מזבח פון אַפּיזמענט: די דעמאָקראַטישע לענדער וועלן אָפּוּוערן „מיט זייער פויסט דעם רעוואָלווער, וואָס היטלער זעצט זיי אויף די ברוסט“. ווען איך האָב אים אָבער געפרעגט: און וואָס זאָגט מען איבער די לאַגע פון די אַכט־הונדערט־טויזענט יידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט ער מיר געענטפערט (און דאָס זיינען גענוי זיינע ווערטער): „איבער די יידן אין דייטשלאַנד

רעדט דאָרט קיין מענטש נישט מער״.—אַזוי . . . איבער די אומזיכערע לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד און עסטרייך רעדט מען נישט מער, און דאָ זאָל מען גלייבן, אַז דער דעמאָקראַטישער געדאַנק וועט זיגן!

.2

ווען מען מאַכט אַ קלאָרען בילאַנץ איבער „פינף יאָר וועלט־מלחמה נומער צוויי און מיר יידן״ קומען מיר צום באַשלוס, אַז מחוץ דעם גרויסן רוסלאַנד מיט זיינע פעלקער, האָבן מיר יידן געברענגט מער קרבנות, ווי אַלע פאַרייניקטע נאַציעס צוזאַמען. די קרבנות פון אַ פאָלק פון 16 אָדער 18 מיליאָנען זיינען גרעסער ווי די קרבנות פונם גרויסן ענגלישן אימפעריום, פאַרייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך, פוילן, האָלאַנד, בעלגיע א.אַז.וו. נאָך קאַמפן און ליידן, נאָך בלוט און טרערן, נאָך מפלות און שרעק זיינען געקומען און עס קומען געוואַלטיקע דערשיטערנדיקע נצחונות. די גלאָריעס פון לאָנדאָן, לענינגראַד, מאַלטאַ, סטאַלינגראַד, מאָסקווע און די גרויסע נצחונות אין די לעצטע וואָכן האָבן אונז נאָך געבראַכט דעם תחיית המתים פון אַ גרויסע נאַציע — די באַפרייאונג פון פראַנקרייך און פאַריז. מיר האָפן, אַז באַלד וועט גאַנץ אייראָפּע זיין פריי, און אַז נישט נאָר די מלחמה וועט ווערן געווינען, אויך דער שלום וועט ווערן געזיכערט. וואָס וועט אָבער זיין מיט אונז יידן? ווי וועט זיין אונזער לאַגע? סטאַטוס־קוואָ? אַזוי ווי פריער? און ווען סטאַטוס־קוואָ, דאַן וועלכער? 1920, 1930 אָדער 1940? אויף דעם גיט אונז די וועלט נישט קיין ענטפער. מיר מוזן בילדן אַ געשלאָסענעם פראָנט און פאַרלאַנגען דאָסמאָל אַן אָפענעם און ערלעכן ענטפער: זייענדיג אַ פאָלק צעשפּרייט איבער די גאַנצע ערד און נישט האָבנדיק דעם סטאטוס פון אַ פאָלק אָדער נאַציע, מוזן מיר ערשטענס אונז דערקעמפן צו דעם דאָזיקן סטאטוס. צווייטענס מוזן מיר נישט אויפהערן צו פאָדערן, אַז די טויערן פון פאַלעסטינע זאָלן זיין און מוזן זיין אָפן פאַר אַט די יידן, וואָס גלייבן אין פאַלעסטינע אַלס נאַציאָנאַל־יידישע היים. דריטענס: אויפצומאַכן די טויערן פון אַנדערע ציוויליזירטע לענדער פאַר די צעזייטע און צעשפרייטע היימלאָזע פליטים פון צענטראַל־און מערב־אייראָפּע און פערטנס בעטן מיר די גרויסמאַכטן: ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַמעריקע מיט זייערע אונטערשריפטן צו גאַראַנטירן די אויבנדערמאָנטע מינימום־פאָדערונגען.

מיר יידן זיינען אַלס פאָלק אַ פענאָמען אין דער געשיכטע פון פעלקער. אַרויסגעריסן מיט דער וואָרצל פונם מוטערלאַנד כמעט 2,000 יאָר, איבערלעבן מיר אַלע אַלטע פעלקער, ראַסן קולטורן. וואָס האָבן די פעלקער מיט אונז געטון? ווען עס איז געווען פאַר זיי נוצלעך האָבן זיי אונז געלאָזט פריי לעבן און באַוועגן און נעמען אַנטייל אינם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן.. טאָמער איז געקומען אַ ווענדונג אינם זיין פון אָטאָ די פעלקער און זייער לאַגע האָט זיך פאַרשלעכטערט, האָבן זיי אויסגעטראַכט קעגן אונז בלבולים, געמאַכט באַשרענקונגען, געצוואונגען צום שמד, אינקוויזיציע, פּאָג־



ראָמען, פאַרטרייבונגען . . . אַריין אין געטאָ, אַרויס פון געטאָ, ווידער אַריין אין געטאָ . . .

איצטער, נאָך פינף יאָר מלחמה, ווען איין פאָלק נאָך דעם אַנדערן ווערט פריי, ווען אַלע פעלקער פון דער אייראָפּעאישער פעלקער־פאַמיליע גרייטן זיך נאָך דעם נצחון אויפצובויען אַ ניי לעבן אין אַ נייער פרידלעכער וועלט; איצטער ווען אפילו דאָס קלענסטע פאָלק, וואָס האָט געליטן פון דער נאַצישער אַגרעסיע, די לוקסעמבורגער, וועלן באַקומען גאַראַנטירט זייער זעלבסטשטענדיקייט מוזן מיר דערמאָנען די גאַראַנטאָרן פונם קומענדיקן שלום, אַז מיר זיינען אויך נאָך דאָ. און ווען אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער ווילן זיך באַגניגען מיט סטאַטוס־קוואָ, זאָגן מיר: ניין, און נאָך אַמאָל ניין. דער סטאַטוס־קוואָ האָט דערמעגלעכט אַ היטלער צו טון מיט אונז וואָס ער האָט געוואָלט: לובלין, מאַידאַנעק, אָשוויעטשים, טערעזיענשטאַדט. מיר וועלן און טאָרן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן! די גאַראַנטאָרן פון שלום און די צוקונפטיקע מלוכה־מענער, וואָס וועלן געשטאַלטן און פאַרמען די נאָך־מלחמה דאַרפן אויך נישט פאַרגעסן ווי מיר האָבן געליטן און געוואָרן אומשולדיק פאַרפאָלגט און פאַרטיליקט! ווען פרייהייט און יושר וועלן זיין די הויפּטפאַקטאָרן אינם לעבן פון די באַפרייטע פעלקער, ווילן מיר, די איבערגעבליבענע נישט פאַרטיליקטע יידן פון אייראָפּע און אַנדערשוואו, דאָסזעלבע: פרייהייט, גלייכהייט, יושר.

יוסף הלל לעווי

## שכנא זאגאן אין אונזער יידישער סביבה

.I

אַ קרעפטיק ברייטפלייצעדיקע הויכע געשטאַלט, מיט אַ שטאַרקן ברוסט־קאַסטן איז געווען ש. ז אַ ג אַ ן. פון אַ טונקל בלאָנדגעלאָקטן קאָפּ, פּראָפאָרציאָנעלער נאָר אַביסל פאַריסענער נאָז און אַ פיינעם מיידלשן מויל מיט ווייסע ציינער, האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע בלויע קינדער־אויגן. די דינע קנייטשלעך פון זיין ברייט־געוועלבטן שטערן בעתן דענקן און רעדן, האָבן מגלה געווען זיין יוגנטלעכע ענערגיע, און אָנגעפילט זיין פרישן פּנים מיט פיל רייץ.

באַקענט האָב איך זיך מיט שכנא זאַגאַנען אינם קראָקעווער „יוגנטלעכן בילדונגס־פאַריין״ אונטערן פאָרזיץ פון יעקב קענער, בעת איך בין אַלט געווען 15 יאָר און זאַגאַן אַ יאָר יינגער. דער דריטער אין אונזער בונד איז תמיד געווען דער ציקערלעך אַרבעטאָרער און זער באַגאַבטער דיכטער משה יעקב קליפּער. דאָס חדר און די קראָקעווער פאָלקסשול אין וועלכע זאַגאַן איז געגאַנגען, האָבן אין אים פאַרפלאַנצט דעם זוימען, וואָס האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן אין אַ גרויסער ליבע צו דער יידישער און פוילישער ליטעראַטור און שפּראַך. זאַגאַנס פאָטער אַ פאַרמעגלעכער טראַפּיק באַזיצער און וועלטלעך יידישער מענטש, האָט זיין זון שכנא אַוועקגעגעבן אין אַ קירשנעריי ווערקשטאַט אַריין כדי ער זאָל אויך אויסלערנען זיך אַ מלאכה.

יעדן אָוונט האָבן מיר זיך צענויפגעטראָפן אינעם „ייִדישן אַרבעטער יוגנט פאַראיין“ און דער דאָזיקער איז טאַקע געווען אונזער אוניווערזיטעט, דער פּראָפעסאָר: יעקב קענער. דאָרטן האָבן מיר באַקומען אַ סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַלע פאָלקסדערציאונג. מיט דער צייט האָט זאַגאַן זיין קירזנער־אַרבעט אָוועקגעלייגט און זיך גענומען פאַרצובּרייטן צו „מאַטור“. ביי פאַרשידענע יוגנטלעכע שמועסן און דיסקוסיעס האָט זאַגאַן שוין אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַציאָנעלע און אָראַטאָרישע פעאיקייטן.

נאָך דער 1905 אַדורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, איז קראָקע וואָס ליגט ניט ווייט פון גרעניץ, געוואָרן אַן ערי מקלט פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען פאַרפאָלגט געווען פונעם צאַריסטישן דעספּאָטיזמוס. און די דאָזיקע פּליטים האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, סאָציאַלן באַוואוסטזיין און דער עיקר — אַ טיפן דראַנג נאָך וועלן לערנען, און זיך ווייטער פאַרפולקומען אויף יעדן געביט פון וויסן און בילדונג: אויסצונוצן די קולטורעלע מעגלעכקייטן וועלכע דאָס צאַריסטישע רוסלאַנד האָט בלוטיק אונטערגעדריקט און דאָס דעמאָקראַטישע עסטרייך האָט פריי פאַר יעדן איינעם געבאָטן. עס האָט ניט לאַנג גענומען האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס און דאָס סאָציאַלע באַוואוסטזיין פונם פּאָליטישן עמיגראַנט אויסגעמישט מיט דער עסטרייכישע ייִדישער אינטעליגענץ און שטאַרק נושא פּירות געווען. דאָס לעבן האָט באַקומען גאַנץ אַנדערע קלאַנגען און פאַרבן. אַ נייע ערע האָט דערוואַכט אין דעם חסידיש־פאַנאַטישן און אַסימילאַטאָרישן קראָקע בכלל, און אין דעם מאַנאַטאָנעם און אָפּגעשטאַנענעם גאַליציע בפרט.

באַלד איז קיין קראָקע געקומען דער וואונדערבאַרער הומאָריסט שלום־עליכם. די קראָקעווער יוגנט (פאַר וועלכער ער האָט אין אַ שבת־נאָכמיטיג געלייענט אין דער „ערע לעזעהאַלע“ זיין באַרימטע דערציילונג „כפּרות, אָדער אַ הינער שטרייק“) וועט די פּראַכטפולע רעציטאַציע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט דער קראָקעווער „אַרבעטער יוגנט פאַריין“ מיט שכנא זאַגאַן בראש צווישן זיך געשטריטן און בשום אופן ניט געקענט קומען צו אַ באַשלוס ווער ס'איז געווען גרעסער: שלום עליכם דער פּראַכטפולער פאָרלייענער צי שלום עליכם דער גאוניש̈ער הומאָריסט. אַ גאַנץ באַזונדערן איינדרוק האָט די רעציטאַציע אויף זאַגאַנען געמאַכט. ער דער בעסטער פּויליש קענער צווישן אונז, וואָס פלעגט זיך תמיד נאָר צושפּיגלען מיט די פּוילישע קלאַסיקער, איז פשוט אַרומגעגאַנגען ווי אַ היפּנאָטיזירטער פון שלום עליכם'ען. נאָך יעדער גייסטיקער אָנשטרענגונג ביי מאַרקס, אַדלער, בערנשטיין אָדער קאַוטסקי האָט ער זיך תמיד געמוזט ביי שלום עליכם אָפּרוען.

נאָך אַ שטיקל צייט איז ווידער צו אונז קיין קראָקע געקומען גאָר ניט קיין אַנדערער ווי דער גרעסטער ייִדישער שרייבער און דענקער י. ל. פּרץ. דערשינען איז ער פאַר אונז איינגעהילט אין אַ לאַנגער פּאַלערינע, אין אַ ברוין סאַמעט קאַפּעלישל מיט אַ גרינער פעדער פון הינטען, און מיט אַ פּאָר גרויסע שלאַכטשיצישע פונאַנדערגעדרייטע וואָנצעס. געלייענט האָט ער זיין מייס־



טערהאַפטע נאָוועלע „באָנציע שוויַיג“ אינעם גרויסן זאַל פון „האָטעל קליין“, אין דער גראָדזקע גאַס. זיין דיקציע איז געווען אַזוי וואונדערלעך, אַז דער גאַנצער זאַל מיט מענטשן איז ווי היפּנאָטיזירט זיצן געבליבן. זיינע גרויסע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן האָבן געבריט, אַ פּחד אָנגעוואָרפן און פאַרט צוגעצויגן, זיין שטרענגער און דאָך אַזוי ליבער קול האָט זיך אין האַרצן אויף אייביק אַריינגעבויערט. ווען מיר האָבן דערוואַכט איז אַ געוויטער פון יוגנטלעכער התפעלות—יובעל געשרייען און אַ בראַוואָ געקלאַפּעריי אויסגעבראָכן וואָס האָט גאָרניט געוואָלט קיין ענדע נעמען: „נאָך לייענען, פּרץ זאָל נאָך לייענען—האָט עס געדונערט אינעם גאַנצן זאַל. און פּרץ איז געווען גנעדיק און נאָך געלייענט פאַר אונז יוגנטלעכע אַרבעטער און אַרבעטערנס. געבענטשט זיינען געווען די מינוטן וואָס אונזער גרעסטער שרייבער און דיכטער האָט געלייענט, און גליקלעך זיינען געווען די וואָס האָבן געהאַט די זכיה אים צו הערן.

אויף אַ צונויפקום וואו ס'זיינען אַנוועזנד געווען פירער פון פאַרשידענע פּאַרטייען האָט זיך פּרץ צו אונז געווענדעט בזה הלשון: „איר יוגנטלעכע אַרבעטער און אַרבעטערנס זייט דער בעסטער עלעמענט פונם ייִדישן פאָלק, אויף אייערע פון דער אַרבעט געבויגענע פּלייצעס וועט צוקומען אַ גרויסער און הייליקער עול,—אייך וועט זיין באַשערט צו טראָגן די פאָן פון ייִדישן סאָציאַליזם און פון דער מאָדערנער קולטור אין ייִדיש“ . . .

עס האָבן זיך אויך אייניקע אַרבעטער אינטעלעקטואַלן אויפגעשטעלט און געפּרובט פרעגן ביי פּרצן מיט מכלומרשט פערבאַהאַלטענע תרעומות: פאַרוואָס ער שרייבט אַ סך מאָל אַזוי בלשון סגי נהור, ניט פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, פאַרוואָס ער שרייבט ניט בעסער פּשוט, גלאַטיק, מיט ווייניקער שטריכעלעך און פּינטעלעך נאָר אַזוי ס'זאָל יעדער איינער פאַרשטיין ? . . .

פּרץ האָט דאַן געשמייכעלט מיט אַ גוטמוטיקן אויסדרוק אָבער פאָרט מיט אַן ערנסטן קול געענטפערט: „ווער עס לייענט אַ זאַך איינמאָל און פאַרשטייט זי ניט, דאַרף ער די זאַך לייענען נאָכאַמאָל, און ווער עס האָט די זאַך שוין געלייענט צוויי מאָל און פאַרשטייט זי ווייטער ניט, מוז ער די דאָזיקע זאַך לייענען צום דריטן מאָל; ווער עס האָט אָבער די זאַך שוין געלייענט דריי מאָל און פאַרשטייט זי נאָך אַלץ נישט — איז אַ סימן אַז דער לייענער, אָדער דער שרייבער, טויג ניט“ . . .

דער ייִנגער ש. זאַגאַן האָט דאַן גערעדט איבער דער בילדונגס־נויטווענדיקייט פונם יוגנטלעכן אַרבעטער אין דער ייִדישער שפּראַך. מיין ווייניקייט האָט דעקלאַמירט פּרצנס „דריי נייטאָרינס“ און מיינע אַ קליין לידל. ווי גליקלעך זיינען מיר דאַן געווען ווען פּרץ איז צו אונז צוגעקומען אין די בעקלעך אונז קנייפּנדיק זיך געוואָנדן צו זאַגאַנען: דו ייִנגעלע דאַרפסט אַ סך לייענען און ניט אויפהערן צו רעדן, אויך פּרובן אַמאָל אַן אַרטיקל צו שרייבן. און דו ייִנגעלע, האָט זיך פּרץ צו מיר געוואָנדן: דאַרפסט אַביסל מער לייענען ווי שרייבן, וועסטו ווערן אַ גאָר וואויל בחרל . . .

עס איז דאַן אויך נאָך אַ קורצער צייט דער באַליבטער פאָלקסדיכטער א. רייזין געקומען קיין קראָקע און דאָרט געלעבט אַ געוויסע צייט. זיין האַרציקע

פשטות און ליבע נאָנטקייט אין שרייבן רעדן און דער עיקר אין באַציאונג צו יעדן, האָט כמעט אַלעמען באַגייסטערט, עס איז ניט געווען קיינער ווער עס האָט אין אים ניט געזאָלט פאַרליבט זיין. זער אָפט פלעגט מיין ווייניקייט מיט מיינע קאָלעגן: יואל דעמביצער (איבערזעצער פון האָמער און סלאָוואַצקין אין יידיש און פון אַנ—סקיס „דיבוק" אין פויליש, אויפגעפירט אינם קראָקע־ווער שטאָטישן טעאַטער) משה קיסלינג (באַרימטער עקספּרעסיאָניסטישער מאָ־לער) געלעבט ביז צו היטלערן אין פאַריז, מרדכי געבירטיק (באַרימטער פאָלקסדיכטער); א. שטרייסעלבערג (איבערזעצער פון דאַנטעס געטלעכע קאָ־מעדיע אין פויליש); נ. מיפעלעוו, באַוואוסטער העברעאיש־יידישער שרייבער און ש. זאַגאַן, שפּאַצירן מיט אונזער ליבן פריינט און לערער אברהם רייזין אין די קראָקעווער אַלייען, ער איז אונזער אַלעמענס טייערער חבר, וועג־ווייזער און דערציער געווען. מיט אים האָבן מיר פאַרבראַכט מינוטן וועלכע מען קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער האָט יעדן איינעם פון אונז סטימולירט צו זיין ווייטערדיקער אַרבעט, און פיל האָפנונג און מוט אויף זיין ווייטן לעבנסוועג מיטגעגעבן . . . צו דער זעלבער צייט האָט אויך אונזער אומפאַרגעסלעכער משה טייטש געלעבט אין קראָקע. ער איז פּשוט געווען ווי אַ גליד פון א. רייזינען און אָן אים ניט געקענט לעבן, איבעראַל האָט מען אים מיט רייזינען באַגעגענט.

(דער שלוס פונם אַרטיקל אינם קומענדיקן העפטל)

## אהרן גאלדבערג

(ערן־סעקרעטאַר פון „פ.יי.ל").

## „פריינט פון יידיש לשון" רופט צו אייך

איבער דער גאַנצער וועלט גרייט מען זיך צום גרויסן פרידנס־טאָג, צו דער בענקנדער שלום־ערע, וואָס דאַרף אַראָפּצונידערן אויף גאָטס־ערד. פעלקער און מענטשן וואַרטן אויף דער דאָזיקער חלומדיקער גאולה. . . . מען גרייט זיך, ווי צו עפּעס אַ נייעם דערוואַכנדן פרילינג ! — אויב דאָס איז אַזוי מיט איינגעפונדעוועטע פעלקער און לענדער, על אחת כמה וכמה מיר יידן. נאָך די שרעקלעכסטע און אכזריותדיקע קלעפּ וואָס מיר האָבן געליטן ווי דאַרפן מיר שוין דאָס אויסשטרעקן די אָרעמס נאָך אַזעלכע בשורות און דערוואַכונגס־קלאַנגען: אויף אַ ליכטיקן שטראַל וואָס זאָל אויפשיינען אויף אונ־זער הימל, אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק!

נאָר די דאָזיקע דערוואַכונג אונזערע קען ניט געבוירן ווערן אָן אַן אינ־ערלעכער דערוואַכונג אין אונזערע נשמות און אין אונזערע הערצער — אָן דעם אינערלעכן דראַנג צו זיין יידן — דער דראַנג פאַר וועלכן צענדליקער טויזנטער האָבן פאַר אונז, פאַרן נאָמען ייד און יידישקייט, אויסגעהויכט און מקריב געווען זייערע נשמות אויף קדוש השם.



אָט אַזאַ דראַנג, אַזאַ שטים פון דערוואַכונג דאַרף פון היינט אָן אָנהויבן זיך פילן און אַרויסווייזן שפּראָצונגען. ס'דאַרף שוין היינט פאַרזייעט ווערן דער זוימען פאַר דער יידישער אויפלעבונג איבער גאַנץ מלכות ענגלאַנד.

אונזער לעבן איז איצטער געגליכן ווי דאָס ווילדע לעבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין דער מדבר—און דער עלענד איז אַזוי גרויס, אַז מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך איינקלאַמערן מיט אונזערע גופים און נשמות—אַז ניט רחמנא יצילנו ! מיר דאַרפן האָבן אַ נייעם משה . . . קאָנען מיר קיין משה ניט האָבן, מוזן מיר אַלע צוזאַמען זיך וואַרעמען ביי זיין פייער — אין דעם „סנה הבוער באש":

„ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל, יראי אלהים, אנשי אמת" . . . . מיר מוזן דערוואַכן פון דעם איינשלעפערנדיקן פאַטאַליזם, וואָס הערשט ביי דער יידישער אינטעליגענץ. ער מוז זיך אויסטשוכן פון פאַסיוויטעט. יעדער ערלעכער געוויסנס־מענטש מוז ווערן אַן איש־חיל, אַ זעלנער אויף זיין יידישן פּאָסטן און קעמפן פאַר זיין פאָלקס־אויפלעבונג, אַנדערש איז ער אַ פאַר־רעטער, אַ בוגד—אַ „דעזערטער".

און ס'איז געפאַלן דער גורל אויף „פריינט פון יידיש לשון" און אויף די בלעטלעך פון אונזער באַשיידן „יידיש העפטל" צו קומען מיטן ערשטן קול־קורא־רוף: „הבו לכם אנשים חכמים ונבונים" וכו' . . . די בעסטע מענטשן פון פאָלק דאַרפן קומען צוערשט; די וואָס קאָנען לערנען דעם פאָלק, פירן, אַרבעטן, די וואָס קאָנען קעמפן, אָנווייזן וועגן און שטאַרקן דעם רצון דאַרפן זיין אין די ערשטע רייען צו גיין אין דער מחנה פון פאָלק. און זאָל דער ערשטער רוף אונזערער ניט פאַלן אויף קיין טויבע אויערן.

מיר ווייסן אַז גרויס איז די צאָל פון די ביי וועמען ס'קלאַפּט נאָך דער דופק פון „עמך", וואָס לעכצן נאָך אַ יידישע סביבה און יידיש לעבן; פון די וועלכע שעפּן נאָך זייער גייסטיקע קולטורעלע חיונה פון יידישע קוואַלן און שאַפונגען, אָבער, וועלכע לעבן צוליב אומשטענדן צעוואָרפן, פעריתומט און אָבגעריסן פון יעדער יידישער סביבה, און ביי וועמען ס'איז שוין באַלד אָפּ־געשטאָרבן דער דראַנג אָדער חוב, וואָס אַ יעדער שטאָלצער, באַוואוסטזיניקער מענטש דאַרף פילן צו זיין פאָלק און זיינע פאָלקס־ווערטן.

מיר קומען דערפאַר איצט—מיט דער דערוואַכונגס־שטימונג אויפסניי פון שלום־האָריזאָנטן—און אַפּעלירן, רופן צו אונזערע אַלטע און נייע חברים און פריינט צו דערוואַכונג, אַריינצוהויכן נייעם און פרישן אָטעם און לעבן אין אונזער יידישן האָריזאָנט וואָס איז ראוי אויפצולעבן; אָננעמען אַ נייעם רצון, אַ נייע שבועה „פון בלוט און טרערן", אויסצוזינגען מיט יענעם פייער און קאַמפּסלוסטיקייט מיט וועלכער מיר אַליין פלעגן אַמאָל דונערן אין יענע הערלעך אידייאישע יאָרן פון גלויבן און שטרעבן מיט דרייסיג־פערציג־פופציק יאָרן צוריק אין די ווילנער, אָדעסער, וואַרשעווער, קראָקעווער, ביאַליסטאָקער און איבער הונדערטער אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך; אַ שבועה צו לעבן אַ שטאָלץ און מענטשלעך יידיש לעבן, ווי מיר, אונזערע

פרויען, אונזערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן אויך זיין שטאָלצע יידן און שטאָלצע מענטשן.

העלפט אונז דערפאַר צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקערן די פונקציעס פון „פריינט פון יידיש לשון" און די „יידישע העפטלעך" !

די פונקציעס פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וואָס עקזעס־טירן שוין בערך זעקס יאָר, זיינען בעיקר : —

צו אינפאָרמירן, באַלערנען און זיך צו באַהעפטן מיט די „אבות" פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור : מענדעלע, י. ל. פרץ און שלום עליכם — אָט דער שלשלת־היוחסין איז די גאָלדענע־קייט, וואָס האַלט צוזאַמען אונזער געשיכטלעך, טראַדיציאָנעל, נאַציאָנאַל, רעליגיעזן און מאָדערנעם יידישן לעבן אין די גלות־לענדער ; און איז די גאָלדענע בריק אויף וועלכער ס'האָבן און ס'טרעטן היינט, ציען זייער יניקה און שאָפונגס־זאַמען אונזערע קינסטלער, גייסטיקע קולטור־פירער און לערער און קניפּן די פאַרבינדונג מיט אונזער עבר, הוה און עתיד.

די „ה ע פ ט ל ע ך" (מיט מזל שוין דער 57־טער נומער !) זיינען אויך שוין כמעט אַזוי בכבודיק־אַלט ווי עס זיינען די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס. די דאָזיקע באַשיידענע העפטלעך, וואָס האָבן געהאַט די זכיה ווידערצושטיין אַלע פורעניותן פון אַ פינף יעריקע מלחמה און זיינען געלייטערט געוואָרן אין דעם כור־האש פון אַלע יידישע יסורים פון דער מאָדערנער־שחיטה־צייט פאַרן יידישן פאָלק און דער יידישער שפּראַך ; אָט די העפטלעך זיינען אונז פערבליבן אַלס דער איינציקער סימן מובהק פון שאַפנדיקן ליטע־ראַריש־קינסטלערישן י י ד י ש ן געדרוקטן וואָרט אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, וואָס דערשיינט רעגלמעסיק יעדן חודש.

אַבאָנאַמענט־פרייז פאַר די העפּטלעך :—

פאַר 1 יאָר—־/13 ; האַלב־יאָר—־/7 ; חודש נומער—־/1 (ביי פאָסט 1/2).

Address: 129, Cavell St., London (England), E.1.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין גרענד פּאַלעי, קאָמערשעל רויד.—3 אַזייגער)

שבת, 7־טן אָקט.—אַ שמחת־תורה נאָכמיטאָג פון יידישן הומאָר.
שבת, 14־טן אָקט.—איבערן יידישן שאַפן אין ענגלאַנד.
שבת, 21־טן אָקט.—ש. ראָטה איבער די מנהגים אין יידישן לעבן.
שבת, 28־טן אָקט.—נ. ב. ווייסער : דאָס שאַפן פון יידן אין ענגליש.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג.**

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סטריט, א.1.

לאָנדאָן-ווייטשעפּל נאָוועמבער 1944—נומ. 58.

# 27 יאָר סאָוועט־רוסלאַנד

## צו דער רויטער פאָן

.1

פייערדיקער, פלאַקערדיקער און רויטער
וועט זיך צעפאָכען די פאָן אַ צעפלאַמטע,
פון די געוואַלטיקע נצחונות אַצינד,
איבער וואונדיקע קעפּ בלוטיק־צעשראַמטע.

ווייטער אויסגעשפּרייטער פלאַטערן זי וועט,
אין זידיקן בלוט אַ רויטע געטויכטע !
די שטורעם־ווינטן גרויליק איבער דער ערד
פון אַזויפיל לעבנס אויסגעהויכטע.

אָ, ווי געוואַלטיק, ווי גרויס די פאָן אַצינד
מיט ביקס־מאַשינען אַ צוזאַמענגעשטעפּטע,
און מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם, מיט לעצטן,
פון מיליאָנען געקוילעטע־געקעפּטע.

ברענענדיקער ווילדער אויפלייכטען זי וועט
מיט צעוויקעל פון לייבער צעשונדענע
און מיט אויגן־געפונקל, ווילד־צעגלאַנצטן,
פון אַזויפיל נצחונות צעצונדענע — —

יאָ, גרעסער ס'מוז זיין די פרייד פון זיגן,
ווי דער צער פון יסורים־פאַרמאַטערטע — —
די גאַנצע וועלט שוין אַרומצונעמען איצט — —
אַזאַ פאָן אַ צעוויקלט־צעפלאַטערטע.

.2

רויטע פעדעם אויף רויטן טוך
מען זעט דאָס געשטעפּ קוים אָן,
אַנדערש אונזערע שנירלעך בלוט
אויף דער סאָוועטישער פאָן.